STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03913

YISROEL, TSIENIZM, UN AMERIKANER IDN

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. נאָוויק

ישראל, ציוניזם, און אַמעריקאַנער אידן

•

אַ נייע סיטואַציע אינ'ם אידישן לעבן

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן-פרייהייט"
ניו יאָרק, 1961
פרייז: 10 סענט

ישראל, ציוניזם און אַמעריקאַנער אידן

רעפעראַט פון פּ. נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן-פרייהייט",
אויף אַ צוזאַמענקונפט פון טוער פון אידישע פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס,
אין ניו יאָרק, דעם 15-טן פעברואַר, 1961.

Israel, Zionism and American Jewry

Report delivered by Paul Novick, editor of the *Morning Freiheit,* before a gathering of leading members of Jewish mass organizations in New York, February 15, 1961.

Issued by MORNING FREIHEIT
35 East 12th St., New York 3, N. Y.
209

פאַר די אויגן פון דער וועלט

די „פּרשה" בן גוריון־לבון ווערט איצט אויסגעלייגט כמעט יעדן טאָג אין דער „ניו יאָרק טאַימס" און אַנדערע אַמעריקאַנער צייטונגען, ווי זי ווערט אויסגעלייגט אין דער וועלט־פּרעסע בכלל. בן גוריונ'ס רעדע אויפן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, סוף דעצעמבער 1960, האָט פּונקט אַזוי געקראָגן אַ וועלט־אָפּקלאַנג. זיין „זאָג", אַז אידן וואָס פאָרן נית קיין ישראל האָבן קיין גאָט ניט, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף דער ערשטער זייט פון דער „ניו יאָרק טאַימס", האָט אַרויסגערופן פּראָטעסטן פון אידן פון אַלע ריכטונגען. ביטערע בריוו נעגן בן גוריונ'ען זיינען אין דער „טאַימס" דערשינען, — איינער זייער אַ ביטערער, פון דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער־אידישער שרייבערין **עדנאַ פערבער**, וואו בן גוריונ'ס מעטאָדן זיינען אַזש געשטעמפּלט געוואָרן ווי „היט־לעריסטישע".

נאָכ'ן קאָנגרעס איז געקומען דער אַרויסטריט פון דר. **יאָאַכים פּרינץ**, פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, — אַז „ציוניזם איז טויט". דאָס האָט ווידער געקראָגן אַברייטן אָפּקלאַנג ווייט אויסער די גרעניצן פון דער „אידישער גאַס". **פאַר די אויגן פון דער וועלט** ווערט איצט אויסגע־לופּטערט די „פּרשה", דער „עסק ביש", דער שענדלעכער עסק, מיט'ן בלבול אויף פּנחס לבונ'ען, — און עס ווערן אָנגעגעבן די איינצלהייטן, וועלכע ווערן אין ישראל גופא דערשטיקט דורך דער צענזור. פּונקט אַזוי ווערט עפנטלעך ברייט באַהאַנדלט דער קריזיס אינם ציוניזם (זינט דער באַריכט איז אָפּגעגעבן געוואָרן, איז העברי ליום'עס וואָכן־זשורנאַל „לאיף" אַרויסגעקומען מיט אַן עדיטאָריעל: „דהי קראַיסיס אין זאַיאָניזם", דער קריזיס אין ציוניזם). וואָס באַדייטן די דאָזיגע נייע אַנטוויקלונגען? וועלכע ענדערונגען, אָדער איבער־טאַשירונגען, שפּיגלען זיי אָפּ אין אידישן לעבן?

צוזאַמען מיט די ברייטע שיכטן פון אידישן פאָלק זיינען מיר באַזאָרגט וועגן דעם, וואָס אין ישראל קומט איצט פאָר. און עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן דעם ענין בן גוריון - לבון, וואָס ברענגט גרויס שאָדן ישראל און אין אַ

געוויסער מאָס אידן בכלל. עס האַנדלט זיך וועגן דער לאַגע פון די ישראל־מאַסן, וועגן דער זיכערקייט פון דער מדינה, וועגן שלום אין מיטל־מזרח. און עס האַנדלט זיך וועגן דעם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

דער צוגאַנג צו ישראל

נאָר לאָמיר פריער אָנוואַרפן עטלעכע פונדאַמענטאַלע שטריכן בנוגע די נאָר־וואָס אָנגערירטע ענינים.

אונזער פונדאַמענטאַלער צוגאַנג צו ישראל איז דער זעלביגער וואָס אין נאָוועמבער, 1947, ווען די יו־ען האָט אָפּגעשטימט פאַר אַ אידישער און אַראַבישער מלוכות אין דער אַמאָליגער פּאַלעסטינע, — אַן אָפּשטימונג, וואָס מיר האָבן באַגריסט. אונזער צוגאַנג איז דער זעלביגער וואָס בשעת דער מלחמה פון 1948, ווען דער גורל פון דער ניי־געבאָרענער מדינה איז באַשלאָסן געוואָרן. מיר האָבן געהאַלטן און האַלטן עד היום, אַז דער קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל איז געווען אַ פּראָגרעסיווער קאַמף, פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיגקייט, אַ וויכטיגער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמף, וועלכער איז געוואונען געוואָרן, אין דער יו־ען און אויפן שלאַכטפעלד, אַ דאַנק דער שטיצע פון די סאָציאַליסטישע לענדער — און נאָר אַ דאַנק דעם. אָן דער שטיצע וואָלטן אַלע קרבנות פון די מאַסן אין ישראל גופא ניט געווען גענוג בייצוקומען די אימפּעריאַליסטישע קרעפטן, דער עיקר פון ענגלאַנד, וועלכע זיינען געשטאַנען הינטער די אָנגרייפנדיגע אַרמייען, — באַוואָפנטע און אונטערגעהעצטע דורכ'ן אימפּעריאַליזם און זיינע רעאַקציאָנערע אַגענטן צווישן די אַראַבער. אין דעם באַפרייאונג־קאַמף האָבן מיר, דאָ, דעמאָנסטרירענדיג איבער די גאַסן פאַר געווער פאַר דער הגנה, קעמפנדיג געגן דער טרומאַן־עמבאַרגאָ — און קעמפנדיג פריער געגן די פּאַרזוכן פון דער טרומאַן־אַדמיניסטראַציע בטל צו מאַכן דעם יו־ען באַשלוס, — האָבן מיר, דאָ, געמאַכט אונזער אייגענעם, באַשיידענעם בייטראָג.

ס'איז קיין שום ספק ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די מאַסן אין ישראל גופא האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט זייער אַ וויכטיגן פאַקטאָר. קודם כל איז נויטיג, אַז די מאַסן אויפן אָרט זאָלן זיין גרייט צום קאַמף. די אַנטשלאָסנקייט פון די מאַסן אין ישראל, זייער גרייטקייט אויף קרבנות, זייער העראָאיזם (און זייער קאַמף געגן געוויסע אידישע פירער), איז געווען פון גרויס באַדייטונג! און אַזוי האָט אויך געהאַט אַ באַשטימטע באַדייטונג דער קאַמף פון ציוניסטן, ניט־ציוניסטן, — איינגעשלאָסן פּראָגרעסיווע עלעמענטן, ווי אָנגעוויזן, — דאָ און אין אַנדערע לענדער. אָבער אָן דער גינסטיגער סיטואַציע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אָן דער הילף פון די סאָציאַליסטישע לענדער, וואָלטן אַלע קרבנות צו גאָרניט ניט געבראַכט.

דאָס אַנטשיידנדיגע אינם געבורט פון ישראל איז געווען, ערשטנס און

איבער אַלץ, די סיטואַציע וואָס האָט זיך אַנטוויקלט איבער דער וועלט נאָך דעם זיג איבער'ן נאַציזם־פֿאַשיזם בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך פֿאַר דעם זיג זיינען שוין געווען מאָמענטן פֿון אַנטשיידונג פֿאַר ישראל. ריכטיג האָט **אליאַ ערענבורג** פֿיל מאָל אָנגעוויזן, אַז ווען ניט די היסטאָרישע מפּלה פֿון די נאַציס ביי סטאַלינגראַד, וואָלטן ראָמעל'ס אַרמייען, וועלכע זיינען שוין געווען ביי עגיפּטן, זיך אַריינגעריסן אַהין — און פֿון דאָרטן אין פּאַלעסטינע. **נאָך** דער מלחמה, מיט'ן זיג איבערן נאַציזם־פֿאַשיזם, מיט'ן זיג פֿון די פֿאָלקס־קרעפֿטן אין פֿאַרשיידענע לענדער, מיט'ן אויפֿשטייג פֿון די לענדער פֿון סאָ־ציאַליזם, האָט זיך אָנגעהויבן די פֿאַנאַנדערפֿאַלונג פֿונם אימפּעריאַליזם, אין אַזיע און אַפֿריקע, ספּעציעל, דעמאָלט, אין אַזיע. ענגלאַנד איז געשלאָגן געוואָרן פֿון פֿיל זייטן. דאָס האָט געהאָלפֿן די מאַסן אין ארץ ישראל אין זייער קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם. און צוזאַמען דערמיט איז געקומען דער אַנדערער אַנטשיידנדיגער פֿאַקטאָר — די הילף פֿון די סאָציאַליסטישע לענדער.

דאָס דאַרף מען געדענקען — ניט נאָר צוליב דעם, ווייל מ'דאַרף זיין געטריי דעם היסטאָרישן אמת. דאָס — געוויס. אָבער געשיכטע איז ניט סתם עפּעס אַן אַבסטראַקטע וויסנשאַפֿט, אָדער אַ צייט־פֿאַרטרייב. **מ'דאַרף געדענקען דעם נעכטן — כדי צו וויסן וואָס מ'האָט צוטאָן היינט.** אינ'ם פֿאַל פֿון מדינת ישראל — כדי זי זאָל וויסן, אַז אירע נאַטירלעכע שותּפֿים געפֿינען זיך אויף דער זייט פֿון די קעמפֿער קעגן נאַציזם־פֿאַשיזם, אויף דער זייט פֿון די אויפֿגעשטאַנענע פֿעלקער אין אַזיע און אַפֿריקע, אויף דער זייט פֿון די קרעפֿטן פֿון פּראָגרעס.

„ישראל איז געקומען צו פֿאַרבלייבן"

אין יענער צייט, ווען די ברייטע פֿאַנאַנדערפֿאַלונג פֿונם אימפּעריאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן, מיט'ן אויפֿשטייג פֿון כינע, אינדיע, אינדאָנעזיע און פֿיל קלענערע לענדער, האָבן מיר יעדן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן זיג באַגריסט. פּונקט אַזוי — און נאָך מער — האָבן מיר באַגריסט דעם נאַציאָנאַל־באַפֿריי־ערישן, אַנטי־אימפּעריאַליסטישן זיג אין ארץ ישראל. „נאָך מער" — ווייל דער קאַמף און דער זיג אין ארץ ישראל איז פֿאָרגעקומען נאָך דער אויסראָטונג פֿון אַ דריטל פֿון אונזער פֿאָלק, אונזער אייגן פֿלייש און בלוט; ווייל פֿיל פֿון די געראַטעוועטע פֿון היטלערשן גהינום האָבן זיך גענויטיגט אין אַן אַנטרינונג־אָרט, וואו אָנצוהויבן אַ ניי לעבן. די ווערטער וואָס אַ סאָוועטישער פֿאָרשטייער האָט דעמאָלט אַרויסגעזאָגט אין דער יו־ען — אַז אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי פֿיל געליטן, מוז קריגן איינזעעניש, האָבן טיף אָפּגעקלונגען צווישן די אידישע מאַסן — צווישן וועלכע די היטלערשע רציחות האָבן דעם נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין געבראַכט שאַרפֿער צום אויסדרוק. אויך דאָס האָט אונז באַווי־קט

אריינצואוואַרפן זיך אינם קאַמף פאַרן לעבן פון מדינת ישראל.

זינט 1948 האָבן מיר ביי פיל געלעגנהייטן אונטערגעשטראָכן — און שטרייכן אונטער עד היום — אַז „ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן". יעדער אַרויסטריט פאַר „אַפּווישן ישראל", אַזוי צו זאָגן, מוז פאַרדאַמט און באַקעמפט ווערן. דאָס האָבן מיר געטאָן, למשל, ווען דער פּרעזידענט פון דער פאַראייניגטער אַראַבישער רעפּובליק, נאַסער, האָט געהאַלטן זיין רעדע אין דער יו־ען, אין סעפּטעמבער 1960. אין אונזער עדיטאָריעל, דעם 29טן סעפּטעמבער, האָבן מיר פאַרדאַמט זיינע אָנצוהערענישן וועגן „ליקווידירן" ישראל. אַ קאַמף מוז געפירט ווערן — און די שטעלונג דריקט אויס די „מאָרגן פרייהייט" ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן — אַז די אַראַבישע לענדער זאָלן אָנערקענען מדינת ישראל; אַז די יו־ען זאָל אָננעמען מיטלען איינצושטעלן שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מלוכות.

מדינת ישראל האָט רעכט, — רעכט פון אַ סואווערענער מלוכה, אַ מיטגליד פון דער יו־ען. זי האָט אויך פליכטן, אויף איר ליגן גרויסע אויפגאַבן, צו העלפן צושטאַנד־ברענגען אַזאַ שלום. וועגן דעם שפּעטער. אויך דאָס שטרייכן מיר כסדר אונטער צוליב דעם, ווייל די זיכערקייט פון דער מדינה גייט אונז אָן.

עס גייט אונז אָן דאָס פאָלק פון ישראל, דאָס אַרבעטנדיגע פאָלק, אָן אונטערשייד פון ריכטונג — אין די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, אין אוניווערזיטעטן און לאַבאָראַטאָריעס, אין די קיבוצים און מושבים, אָדער קאָלאָניעס.

אין מיינע באַריכטן פון ישראל, אין די באַריכטן פון אַנדערע רעדאַקציעמיטגלידער, וואָס האָבן ישראל באַזוכט, איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף די דערגרייכונגען פון די אַרבעטס־מענטשן, אויף דער באַדייטנדיגער בויאונג, אויף דער באַפרוכפערונג פון זאַמדיגע וויסטענישן, אויף דעם נחת וואָס מ'האָט, זעענדיג די אויפגעאַנגענע פרוכט פון פּראַצע. ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אויפן גרויסן פּאַטריאָטיזם פון די אַרבעטס־מענטשן, רעכטע און לינקע, אויף זייער איבערגעבנקייט דעם לאַנד.

ביי אַלערליי געלעגנהייטן האָבן מיר אויסגעדריקט אונזער סאָלידאַריטעט מיט די אַרבעטס־מענטשן אין ישראל, באַזונדער מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע ווערן דיסקרימינירט מצד די פאַרשיידענע הילף־אַגענטורן. דערפאַר שטיצן מיר די פּראָיעקטן, אין וועלכע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרוויקלט — פאַר די קינדערהיימען, פאַרן בריינין־קליניק, אָדער פאַרן קיבוץ יד חנה. מיר זעען אָבער די הויפּט־הילף פאַר ישראל אין דעם קאַמף פאַר שלום, אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב און במילא אין מיטל־מזרח. די קאַלטע מלחמה איז אַן אומגליק פאַר ישראל! געלט־שטיצע אַליין איז אַ קנאַפּע הילף. אויף דעם איז אַן עדות די לאַגע פון די ישראל־מאַסן, וועלכע ווערט ליידער אַלץ ערגער, ניט געקוקט אויף די גרויסע סומען הילף.

אָט דאָס איז, אין אַלגעמיינע טערמינען, בקיצור, אונזער שטעלונג צו

ישראל, אָבער ס׳איז נויטיג צוצוגעבן נאָך עטלעכע פונדאַמענטאַלע שטריכן.

איז עס אַ מלוכה פון יושר?

אײן שטריך איז דער פאָלגנדיגער. ער איז אויסגעדריקט געוואָרן גראַד פון דעם פאַרשטאָרבענעם פירער פון די היגע פועלי ציון, **חיים גרינבערג**, וועמען מיר איז אויסגעקומען צו ציטירן ביי עטלעכע געלעגנהייטן. ער האָט געזאָגט אומגעפער אַזוי (אין פועלי ציון אָרגאַן „אידישער קעמפער"): **מלוכה צוליב מלוכה איז ניט גענוג.** עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ מלוכה; ווי באַציט זי זיך צום שוואַכן, צום אונטערדריקטן, צו דער פרוי, צום עלטערן מענטשן?

עס זיינען פאַראַן אַ סך אידן, וואָס לאָזן זיך מיטרייסן בלויז מיטן פאַקט וואָס עס איז פאַראַן אַ אידישע מלוכה. פאַרשטיין קאָן מען דאָס. איך בין, ווי איר ווייסט, בשום אופן ניט גלייכגילטיג צום געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אָבער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און נאַציאָנאַלע אינטערעסן איז איין זאַך — און נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרבלענדט מ׳זאָל ניט זען די לאַגע פון **פאָלק**, איז גאָר עפּעס אַנדערש. נעמט איר אָן אַפילו דעם צוגאַנג פון אַ חיים גרינבערג, אָפּגערעדט שוין פון מענטשן, ביי וועמען דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פאַרטויבט אין קיין פאַל **ניט** דאָס געפיל פון סאָציאַלן יושר, דעם צאָרן געגן עקספּלואַטאַציע און רויבעריי — יע, דעם צאָרן פון די נביאים — קאָן מען ניט מיטגעריסן ווערן פון סתם מלוכה.

אין דער זעלבשטענדיגקייט־דעקלאַראַציע פון מדינת ישראל, אָנגענומען דעם 14טן מאַי 1948, אונטערגעשריבן פון אַלעמען, אויך פון די קאָמוניסטן, רעדט זיך וועגן אַ מדינה, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף די פּאָסטולאַטן פון די סאָציאַלע נביאים. אין געוויסע מאָמענטן, באַלד נאָך דער גרינדונג פון ישראל, האָט זיך פיל מענטשן געוואָלט חלומ׳ען — פאַרגעסנדיג אָן דער ווירקלעכקייט — אַז אַ **אידישע** מלוכה וועט זיין אַ מין מוסטער־מלוכה. ווייל מיר האָבן דאָך טאַקע געהאַט די סאָציאַלע נביאים! ווייל אידן האָבן דאָך אַזוי פיל יאָרן אַליין געליטן פון פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונג! פאַרוואָס זאָלן זיי באמת ניט באַווייזן דער וועלט ווי אַזוי אַ מלוכה דאַרף זיך פירן? די ווירקלעכקייט צעקלאַפּט אָבער אַזעלכע חלומות. ליידער האָט זיך באַקומען פונקט דער היפוך דערפון, וואָס די נביאים האָבן אָנגעזאָגט. און עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן דער „פּרשה" בן גוריון ־ לבון.

ניט דער צענטער פון אידישן פאָלק

און אָט איז נאָך אַ פונדאַמענטאַלער שטריך, וואָס טיילט אויס אונזער שטעלונג פון דער שטעלונג פון ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען, אויך פון מאַפּאַם.

ישראל איז פאַר אונז איינער פון אַ גאַנצער ריי אידישע ישובים איבער דער וועלט. דער ישראל־ישוב איז אַ וויכטיגער, מיט ספּעציעלע וויכטיגע שטריכן, אַ ישוב וואו אידן זיינען אַ נאַציע, אָבער דאָס נעגירט אין קיין שום פאַל ניט אין אונזערע אויגן, אויף אַ האָר ניט, די אַנדערע אידישע ישובים, וועלכע זיינען די היימען פון די אידן אין די באַטרעפנדיגע לענדער און דאַרפן געבויט ווערן אויף געזונטע יסודות. באַזונדער דריקט זיך עס אויס אין אונזער זאָרג פאַר בויען אַ געזונטן אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, די היים פון די פינף און אַ האַלב מיליאָן אידן, די היים פון אונזערע קינדער.

מיר זיינען, ווי דאָס ווערט אָנגערופן, פאַר „דאָ'איגקייט" און האַלטן פאַר שעדלעך, אומגעהויער שעדלעך, דאָס אָריענטירן די מאַסן רק אויף „דאָר־טען", ווי כלומר'שט אויפן צענטער פון אידישן פאָלק, אַפּרייסן זיי פון אמע־ריקע, פון די אַלגעמיינע קאַמפן, פונם בויען דאָס אידישע לעבן דאָ אויפן אָרט. די איינשטעלונג פון ישראל אַלס צענטער איז געווען פאַלש פון אָנהויב אָן. באַזונדער זעט מען איצט ווי פאַלש דאָס איז — איצט, ווען די ישראל־בורזשואַזיע, דורך איר רעגירונג, ברענגט גרויס שאָדן סיי ישראל און סיי די אידן אין אַנדערע ישובים, דורך שעדלעכע מעשים, דורך סקאַנדאַלן, מיט וועלכע עס קלינגט אַ וועלט...

אין דער איצטיגער צייט פון איבערברוך אין אידישן לעבן, פון איבער־אָריענטאַציע, פון איבערשאַצונג פון ווערטן, הערט מען אויך פון ציוניסטן זאַכן, וואָס פריער האָט מען עס פון זיי ניט געהערט. בשעת אין משך פון יאָרן האָט מען פון זיי רק געהערט אַ שירה־געזאַנג, אָדער די „סענטימענטל סטאָרי", האָט מען איצט אויך אין ציוניסטישע און פּראָ־ציוניסטישע צייטונגען אָנגעהויבן זען זאַכן, וואָס דעקן אויף וויפיל ניט איז די ישראל־ווירקלעכקייט. און זי איז ליידער בשום אופן ניט קיין אָנציענדיגע. זי מוז אַרויסרופן צאָרן — און שטעלן אונז פעסט זייט ביי זייט מיט די מאַסן אין ישראל, וואָס קעמפן פאַר'ן יושר, וואָס די סאָציאַלע נביאים האָבן געפּרעדיגט.

די לאַגע פון די קיבוצים

לאָמיר דאָ ברענגען אַ ביישפּיל, וועלכער וועט אונז אויך שוין דירעקט אַריינפירן אין דער ווירקלעכקייט פון ישראל.

דעם 25טן דעצעמבער 1960 האָט דער „טאָג" אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ פון זיין ישראל־קאָרעספּאָנדענט, דוד פלינקער, וואו עס האָט זיך געזאָגט:

„דער ישוב האָט זיך פאַרדרייפאַכט אין פאַרלויף פון די קרוב 13 יאָר מדינת ישראל. די קיבוצים זיינען געבליבן שטיין אויף איין און דעמזעלבן אָרט. פאַר דער מדינה האָבן אין די קיבוצים פון אַלע ריכטונגען און שאַטי־רונגען געלעבט קרוב ניינציג טויזנט נפשות, אין אַ ישוב פון בערך 650 טויזנט אידן. עס הייסט, אַז די קיבוצים זיינען געווען כמעט אַ זעקסטל פון גאַנצן

ישוב. היינט צו טאָג האָבן מיר אין ישראל בערך צוויי מיליאָן אידן, און עין הרע, און אין די קיבוצים זיינען אויך ניט מער דאָ ווי קרוב ניינציג טויזנט. עס הייסט, אַז דער קיבוץ איז איצט ניט מער ווי אַ צוואַנציגסטל פונם ישוב, אָדער נאָך ווייניגער. פאַר דער מדינה זיינען יעדעס יאָר געגרינדעט געוואָרן נייע קיבוצים. אין די לעצטע יאָרן זיינען ניט געשאַפן געוואָרן קיין נייע קיבוצים. דאַגעגן הערט מען לײדער ניט ווייניג וועגן „עזיבות" (מענטשן וואָס פאַרלאָזן דעם קיבוץ)".

באמת, פיינלעכע ווערטער. ד. פלינקער רעדט ווייטער וועגן „גייסטיג־מאָראַלישן און אויך עקאָנאָמישן קריזיס" פון די קיבוצים. אָבער — וואָס זיינען די סיבות? איר קריגט נאָר אַן אָנצוהערעניש פון אים, דורך די שרעקלעכע פאַקטן זיינע וועגן די חובות, אין וועלכע די קיבוצים טרינקען זיך. ד. פלינקער שרייבט: „עס איז שוין געוואָרן אין ישראל אַ פאָלקס־ווערטל, אַז דער קיבוצניק אַרבעט אַ פערטל פון זיין אַרבעטס־טאָג כדי צו צאָלן די פראָצענטן צו די בעלי חובות". און דאָ גייט אַוועק אַ געשיכטע וועגן הויכע פראָצענטן, וועגן פראָצענטניקעס — רויבער! — וואָס צאָלן אַפילו ניט קיין איינקונפט־שטייערן, בשעת פון די אַרבעטס־מענטשן רייסט מען שרעקלעכע שטייערן. אָבער — פאַרוואָס? פאַרוואָס באַגייט מען זיך אַזוי מיט'ן קיבוץ, וואָס איז געווען און איז נאָך עד היום איינער פון די שענסטע דערשיינונגען אין ישראל?

דאָ קומען מיר ווידער צו אַ פונדאַמענטאַלן ענין, וואָס אַנדערע פאַרשווייגן. דער ענין דריקט זיך אויס אין צוויי ווערטער, וואָס מ'קאָן זיי אין געוויסע קרייזן ניט פאַרטראָגן, אָבער וואָס אַרבעטער קאָנען גוט פאַרשטיין. די ווערטער זיינען — קלאַסן־קאַמף. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די אידישע בורזשואַזיע — ווי היגע אידישע אַרבעטער ווייסן זייער גוט — איז די זעלביגע וואָס יעדע בורזשואַזיע. חוץ דעם האָבן מיר אין ישראל דעם דרוק פון אימפּעריאַליזם. און אָט זיינען אַ ריי פאַקטן, וואָס וועלן עס אילוסטרירן.

אַלע מאָל אינזיינען האָבן דאָס פאָלק!

אָבער איידער איך טרעט צו צו ברענגען אַ צאָל פאַקטן פון דער איצטיגער ישראל־ווירקלעכקייט, מוז איך אָנרירן צוויי מאָמענטן.

איינס — דער עולם האָט ליב ראָזעווע בילדער, בפרט ווען מ'האָט אים כסדר געמאָלן אַזעלכע בילדער פון ישראל. מ'האָט אָן אויפהער געצויגן די „סענטימענטאַל סטאָרי", אַזוי אַז דער עולם איז פשוט ניט גרייט אויפצונעמען די ביטערע ווירקלעכקייט. זי קלינגט עפּעס ניט גלויבלעך... עס וועט דעריבער פאַר געוויסע מענטשן ניט גרינג זיין אויפצונעמען די פאַקטן.

צוויי — עס איז דאָ די געפאַר, אַז געוויסע עלעמענטן זאָלן צוליב די נעגאַטיווע פאַקטן אינגאַנצן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף מדינת ישראל, —

אַנשטאָט צו שטיין מיטן פאָלק און מיטן לאַנד, געגן די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. פאַרגעסט ניט, אַז מיר האָבן נאָך גאָרניט גע־זאָגט וועגן דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, וועגן איר אַנטי־סאָוועטיזם, וועגן דער האַלטונג פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער יו־ען, וועגן די געשעפטן מיט אַדענאַוער'ן, שיקן געווער דער אַרמיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון היטלער־גענעראַלן. דאָ קאָן זיך ערשט באמת שאַפן די געפאַר, אַז פון גרויס צאָרן זאָל מען אינגאַנצן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אויף מדינת ישראל.

דאַרף מען כסדר וואָרענען: דאָס פאָלק, די מדינה, איז איינס — און די בורזשואַזיע, דער עיקר די גרויס־בורזשואַזיע און איר רעגירונג איז גאָר עפּעס אַנדערש!

אונזער קריטיק בנוגע מדינת ישראל איז ווי אונזער קריטיק בנוגע אַמע־ריקע: כדי דאָס לאַנד אויסצובעסערן, כדי צו דינען די אינטערעסן פון פאָלק.

אמת'ער פּאַטריאָטיזם פאָדערט אויפצודעקן די שאָטן־זייטן. און איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטס־מענטשן פון ישראל, — די לינקע עלע־מענטן ספּעציעל אין אַ געווייסן זין, — זיינען פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד, אונזער אויפגאַבע איז צו פירן זיך טאַקע ווי זיי פירן זיך — אויפדעקן די טונקעלע זייטן, ניט פאַרזעענדיג דאָס פאָלק און דאָס לאַנד, די אויפטוען און דערגרייכונגען.

פאַקטן פון דער ישראל־ווירקלעכקייט

איז אָט וועל איך דאָ ברענגען אַ ריי ציפערן, וואָס וועלן דערקלערן ווי אַזוי דער קלאַסן־קאַמף אין ישראל דריקט זיך אויס און ווי אַזוי עס ווירקט דער דרוק פון אימפּעריאַליזם, פון די אויסלענדישע אינוועסטירער, — אין אַ גרויסער מאָס אַמעריקאַנער מאַגנאַטן, איינגעשלאָסן אידישע, — דער דרוק פון אַמעריקאַנער טראַסטן.

איך נעם די פאַקטן און ציפערן פון אַ גרויסן באַריכט וואָס דער קאָמוניס־טישער כנסת־דעפּוטאַט, דר. משה סנה, האָט אין אָקטאָבער 1960 אָפּגעגעבן פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ישראל'דיגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פאַקטן און ציפערן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן און קיינער האָט זיי ניט אָפּגעפרעגט. זיי זיינען גענומען געוואָרן פון אָפיציעלע רעגירונגס־באַ־ריכטן, באַריכטן פון די בענק און קאָרפּאָראַציאָנס אין ישראל.

דר. סנה ווייזט אָן, אַז דער דורכשניטלעכער איינקונפט פער פּערזאָן אין ישראל איז 800 דאָלאַר אַ יאָר, — וואָס דאָס איז אַ רעלאַטיוו הויכער איינקונפט, ספּעציעל נאָך אין אַזיע. אָבער ווי קוקט די לאַגע אויס אויף אַן אמת? דר. סנה ענטפערט:

„דער דאָזיגער דורכשניט איז אָפּנאַרעריש. אַ קליין הייפל פּאַראַזיטן

נעמט צו אַ גרויסן טייל דערפון, בשעת די מערהייט פון דער באַפעלקערונג, די אַרבעטנדיגע, האָבן ניט געגוג אויף צו לעבן.

„אין משך פון די לעצטע יאָרן איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער אימפעט פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און די קלענערע קאַפּיטאַליסטן ווערן אַרויסגעקוועטשט, — דאָס הייסט, די אינוועסטיר־קאָמפּאַניעס און די גרויסע אונטערנעמונגען ווערן אַלץ רייכער און שטופּן אַרויס די מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען.

„אין דער **אינדוסטריע** מאַכן אויס די גרויסע אונטערנעמונגען בלויז 4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגען, בשעת זייער חלק אין דעם צוגאָב־ווערט פון דער פּראָדוקציע איז **59** פּראָצענט; די מיטעלע אונטערנעמונגען, וועלכע מאַכן אויס 19 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגען, האָבן ביינעשטייערט 27 פּראָצענט פון דעם טאָטאַלן צו־גאָב־ווערט. די **קליינע** אונטערנעמונגען, וועלכע מאַכן אויס 77 **פּראָצענט** פון דער אַלגעמיינער צאָל אונטערנעמונגען, האָבן ביינעשטייערט בלויז 14 **פּראָצענט** פון דעם טאָטאַלן צוגאָב־ווערט.

„אין **עקספּאָרט** קאָנטראָלירן 5 פּראָצענט פון אַלע עקספּאָרט־פירמעס גאַנצע 79 פּראָצענט פון דעם טאָטאַלן עקספּאָרט. אין דעם **באַנק**־וועזן קאָנ־טראָלירן 3—4 **פּראָצענט** פון די גרעסטע בענק 85 **פּראָצענט** פון אַלע קרע־דיטן; די גרויסע בענק שליגגען איין די קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן זיך פאַרקלענערט פון 93 אויף 25.

„די פאַראָרעמונג פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט דער־פירט צום איינשרומפּן פונם אינערלעכן מאַרק, וואָס איז נאָכגעפאָלגט גע־וואָרן פון אַ קריזיס פון אַן איבערפלוס פון דער פּראָדוקציע. **לעצטן יאָר זיינען 34 פּראָצענט פון אַלע גרינוואַרג־פּראָדוקטן (וועדזשעטעיבלס) געוואָרפן געוואָרן אויף די מיסט־הויפנס.** אין דער זעלביגער צייט האָט דער אַמעריקאַנער אַגריקולטור־מיניסטער, עזרא בענסאָן, וועלכער איז לעצטנס געווען אין ישראל, דערקלערט, אַז דער אימפּאָרט פון אַמעריקאַנער אַגריקול־טור־פּראָדוקטן אין ישראל האָט לעצטן יאָר דערגרייכט 60 מיליאָן דאָלאַר און אַז דער אימפּאָרט וועט ווערן נאָך גרעסער".

דר. סנה האָט דאָ אויך באַמערקט אַז 30 **פּראָצענט פון דער קאַפּאַ־ציטעט פון דער ישראל־אינדוסטריע ווערט ניט אויסגענוצט.**

אַרבעטס־מענטשן האָבן ניט קיין מילך, קיין פרוכט

פאַר די, וואָס וועלן פּרובירן אָפּפרעגן דר. סנה׳ס פאַקטן און ציפערן — און עס זיינען דאָ געגוג אַזעלכע! — וועל איך צוגעבן עטוואָס פון אַ דער־קלערונג פון דעם פירער פון די קיבוצים פון אחדות העבודה, יצחק טאַבענ־קין. אָט וואָס ער האָט געזאָגט (ציטירט פון דער בונדיסטישער „אונזער צייט" פון סעפּטעמבער 1960):

„ס'איז אַ פּולשטענדיגער שקר, אַז די לאַנדווירטשאַפט אין לאַנד פּראָדוצירט צופיל, בעת נאָענט פון אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג טרינקט נישט קיין מילך, און עסט נישט קיין אייער און קיין פרוכטן".

אין „דבר" פון 16טן מאַי 1960 — אַפילו אין „דבר" — איז געזאָגט געוואָרן: „לויט די לעצטע אויספאָרשונגען ווערט קלאָר, אַז 30-25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג קאָן זיך נישט דערלויבן אויף אַ געהעריגער באַשפּייזונג פון פלייש, איי־ווייס פּראָדוקטן און פעטס".

איך וואָלט אויך געקאָנט אָנווייזן אויף אַן אַרטיקל אין „פּאָרווערטס" פון 13טן נאָוועמבער 1960, פון צבי כהן, וועלכער האָט געזוכט צו דערקלערן, פאַרוואָס פיל אידן פאָרן אַרויס פון ישראל — איינגעשלאָסן סאַברעס, ישראל־געבוירענע. ער ווייזט אָן אַז „דאָס רוב אַרבעטער פאַרדינען פון 200 ביז 250 פונט אַ חודש" (פון 100 ביז 125 דאָלאַר) בעת „דער לעבנסמיטל איז זייער טייער, כמעט אַזוי ווי ביי אונז דאָ אין אַמעריקע".

וואָס זאָגן אונז די אַלע פאַקטן? געוויס — אַז די מערהייט אַרבעטס־מענטשן אין ישראל געפינט זיך אין זייער אַ ביטערער לאַגע. און מ'דאַרף צוגעבן, אַז 300 טויזנט נפשות — פון אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן — זיינען געצוואונגען אָנצוקומען צו הילף פון דער רעגירונג, אָדער אינסטיטוציעס. אָבער אויב דער אויספיר זאָל זיין בלויז, אַז מ'דאַרף שיקן מער הילף פון אַמעריקע, וועט עס ניט געבן דעם גאַנצן ענטפער. ווייל — די רייכע ווערן רייכער און די אָרעמע ווערן אָרעמער, ניט געקוקט אויף אַלע סומען הילף. ווייל — מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ בילד פון עקאָנאָמישער פאַנאַנדערפאַלונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און פון דער עקספּלואַטאַציע פון דרויסן. מיר האָבן דאָ דעם דרוק פון די אויסלענדישע אינוועסטירער, וועלכע שטעלן זיך רויבערישע פּראָפיטן, ווי געוויינלעך אין קאָלאָניעס.

די פאַקטן גיבן אונז אַ שרייענדיגע דערקלערונג פאַרוואָס די קיבוצים געפינען זיך אין אַזאַ שווערער לאַגע, — ניט געקוקט דערויף וואָס ביים זאַמלען די ריזיגע סומען האָט מען אַלע מאָל אַרויסגערוקט די קיבוצים, ווי דאָס שיינדל פון ישראל — דאָס וואָס זיי זיינען טאַקע אין אַ גרויסער מאָס. מיר וואָלטן געקאָנט מאַכן נאָך אויספירן פון די דאָזיגע זייער מאָסגעבנדיגע ביטערע פאַקטן. אָבער זאָל דאָ נאָר צוגעגעבן ווערן נאָך עטוואָס: דער בן גוריון־'בון קאַמף איז אויך אַן אויסדרוק פון דער קראַנקער עקאָנאָמישער לאַגע — און אַן אויסדרוק פון דער „מאָראַל", וואָס באַרויבט דעם קיבוצניק פון זיין פּראַצע — אַן אויסדרוק פון דעם פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף. לבון, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות (ביז מ'האָט אים אַרונטערגעוואָרפן), און אַנדערע מיט אים, מוזן מער־ווייניגער באַווירקט ווערן פון דעם אויפברויז פון די מאַסן, וועלכע האָבן די לעצטע צייט איינגעאָרדנט זיץ־סטרייקס געגן דעם יקרות, געגן נייע שטייערן, ווי די „מאָרגן־פריייהייט" — און נאָר די

„מאָרגן־פרייהייט״ — האָט איבערגעגעבן. פון דער אַנדערער זייט, בן־גוריון, וועלכער פירט די פּאָליטיק פון אַ בעווין, אין די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע, פון די אויסלענדישע אינוועסטאָרס, איז פאַרבונדן מיט אַדע־נאַוער׳ן און דינט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט, דריקט אויס אַ צוגאַנג, וואָס איז שאַרף קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטס־מענטשן — אויך פון די קליינע אונ־טערנעמער — און קעגן די אינטערעסן פון די קיבוצים. דער קיבוצניק, מיט זיין אידעאַליזם — ווי מען זאָל זיך צו דעם אידעאַליזם ניט באַציען — איז געוואָרן אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג אין דער אַטמאָספערע פון סופּער־עקס־פּלואַטאַציע און סופּער־פּראָפיטן, אין דער אַטמאָספערע פון פריינטשאַפט מיט אַדענאַוער־גלאָבקע...

אַן אַנטי־ישראל׳דיקע אויסערלעכע פּאָליטיק

אינערלעכע פּאָליטיק איז, ווי באַקאַנט, ענג פאַרבונדן מיט דער אויסער־לעכער פּאָליטיק. די אַנטי־ישראל׳דיקע, אַנטי־פאָלקישע, אַנטי־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער בן־גוריון רעגירונג **אין לאַנד**, פּאָרט זיך מיט אַן ענלעכער אויסערלעכער פּאָליטיק, וואָס איז פּונקט אַזוי קעגן די אינטערעסן פון ישראל.

איך וועל דאָ ניט אריינגיין אין איינצלהייטן. איך וועל נאָר **דערמאָנען**:

— די אַדענאַוער־בן־גוריון באַגעגעניש דאָ אין ניו יאָרק, דאָס שיקן ישראל־געווער דער אַדענאַוער־אַרמיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון היטלער־גענעראַלן; איך וועל דערמאָנען די האַנדלונגען פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער יו־ען, איר שטימען אויף דער זייט פון קאָלאָניאַליזם, קעגן אַלזשיר, קעגן כינע, אַלע מאָל קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער — און אַלע מאָל צוזאַמען מיט טשיאַנג קאַי שעק׳ס פּאָרשטייער, מיט די פּאָרשטייער פון דער ראַסיסטישער רעגירונג פון דרום־אַפריקע. איך וועל די אַלע זאַכן נאָר דערמאָנען. די איינצלהייטן דאַרפן זיין גוט באַקאַנט. יעדע רעגירונג אין ישראל, וואָס וועט פּאָרזעצן אַזאַ פּאָליטיק, וועט דאַרפן געשטעמפּלט **ווערן** מיטן בן־גוריון שטעמפּל: **אַ רעגירונג קעגן די אינטערעסן פון ישראל, פון דעם פאָלק אין ישראל.**

אַ פּאָליטיק, וואָס האָט דערפירט צו אַדענאַוער׳ן און גלאָבקע׳ן, צו טשיאַנג קאַי שעק׳ן, צו די ראַסיסטן פון דרום־אַפריקע, — און אַ פּאָליטיק פון סופּער־עקספּלואַטאַציע און סופּער־פּראָפיטן — האָט געמוזט שאַפן אין ישראל אויך אַ **מאָראַלישן קריזיס**. דערפאַר די שאַרפע פּראָבלעם פון דער יוגנט, די שאַרפע פּראָבלעם פון דער ליטעראַטור, — פּראָבלעמען, אין וועלכע איך קאָן דאָ ניט אַריינגיין, אָבער וועלכע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן און ווערן באַהאַנדלט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, **נאָר** אין דער „מאָרגן־פרייהייט״! אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר פאַר זיך, אַ „דאַנק״ די אַלע אַנטוויקלונגען, **אַ פּראָבלעם פון דער זיכערקייט פון מדינת ישראל.**

דער סאָוועטישער פאָרשלאָג פון 1957

די אומאויפהערלעכע אַנטי־סאָוועטישע העצעס, אָנגעפירט פון בן־גוריון׳ען, די גאַנצע קאַלטע מלחמה פּאָליטיק פון דער ב. ג. רעגירונג, דערלאָזט ניט צו קיין שלום אין מיטל־מזרח. זינט אַפּריל 1957 האָט די סאָוועטן־רעגירונג עטלעכע מאָל פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע געווער־טראַנספּאָרטן אין מיטל־מזרח זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן; אַז ניט די אַראַבישע לענדער און ניט ישראל זאָלן קיין געווער ניט קריגן. דאָס וואָלט באַדייט זיכערקייט פאַר ישראל, ווייל אַלע ווייסן אַז די ישראל־אַרמיי קאָן זיך גוט פאַרטיידיגן. דאָס וואָלט באַדייט קיין שום אַגרעסיע, ווייל אָן נייע געווערן קאָן מען וועגן אַגרעסיע ניט טראַכטן. אָבער די ב. ג. רעגירונג האָט דעם פּלאַן קיינמאָל ניט געשטיצט און אָנשטאָט דעם ווייטער זיך פאַרנומען מיט אַנטי־סאָוועטישע העצעס. איר פּאָליטישע ליניע פאַרמאָגט אַ מיליטערישע אָריענטאַציע, ווי מיר וועלן ווייטער זען. (איך וויל דאָ אַגב אָנווייזן אויף דער רעדע פון וויצע־פּרעזידענט דזשאָנסאָן אין ניו יאָרק דעם 5טן פעברואַר, אין וועלכער ער האָט זיך — אויף אַ ניט־קלאָרן אופן — אַרויסגעזאָגט פאַר „שניידן די באַוואָפענונגען אין מיטל־מזרח״. שווער צו זאָגן צי דאָס קאָן עפענען אַ טירל אין דער ריכטונג פון דעם סאָוועטישן פּלאַן).

דער שליסל צום וואוילזיין פון די מאַסן אין ישראל, ווי אין די אַראַבישע לענדער, איז — פרידלעכע בויאונג, פאַרקירצן די רעלאַטיוו ריזיגע מיליטערישע ביודזשעטן. דער סאָוועטישער פּלאַן, וואָס וואָלט געעפנט אַ וועג צום שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, וואָלט געווען אַ רעטונג פאַר די פאָלקס־מאַסן, סיי פון ישראל און סיי פון די אַראַבישע לענדער. אַן אָריענטאַציע אויף מזרח און מערב, אויף נעמען הילף פון אַלע זייטן, האַנדלען מיט אַלע צדדים, דער עיקר מיט די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וואָלט געגעבן די ישראל־מאַסן אַרבעט, מערק. די ישראל־אינדוסטריע וואָלט ניט געווען אויף דרייסיג פּראָצענט פּאַראַליזירט. אָבער דאָס פאָדערט אַ פּאָליטיק געגן קאַלטער מלחמה, געגן קאָלאָניאַליזם, באַזונדער דעם פראַנצויזישן קאָלאָניאַליזם אין אַלזשיר. דאָס פאָדערט אַן אַנדער פּאָליטיק בנוגע די אַראַבער אין ישראל גופא: אָפּשאַפן די מיליטערישע באַגרעניצונגען געגן זיי, ווי אַ מערהייט פון די פּאַרטייען אין ישראל פאָדערן עס, אָפּשאַפן אַלערליי דיסקרימינאַציעס.

מען טאָר ניט פאַרזען די ראָל פון נאַסער׳ן בנוגע ישראל, די ראָל פון אַנדערע אַראַבישע פירער. ווען זיי רעדן וועגן „אָפּווישן ישראל״, טרעטן אַרויס געגן שלום, דאַרף מען זיי באַקעמפן, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן צום אָנהויב. אָבער בשעת מיר רעדן וועגן ישראל, דאַרפן מיר אינזינען האָבן אַן איניציאַטיווע מצד ישראל אין דער ריכטונג פון שלום מיט די שכנים, — ניט מיט רייד נאָר מיט מעשים — שאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר שלום. דורך

פאַרפאָלגן די אַראַבער אין ישראל, דורך שטימען אין דער יו־ען געגן אַלזשיר, שפּילט מען אַריין אין די הענט פון נאַסער'ן און אַנדערע, — אָפּגערעדט דערפון וואָס די האַנדלונגען זיינען פאַר זיך פאַרברעכעריש. שטימענדיג מיט פראַנקרייך געגן אַלזשיר, שטעלט מען זיך געגן די לענדער פון אַפריקע און אַזיע.

לייזונג פון אַראַבער־פראַגע איז לעבנס־וויכטיג פאַר ישראל

אין יענער רעדע פאַרן צ. ק. פון דער ישראל'דיגער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי האָט דר. משה סנה דערקלערט:

„די שטעלונג פון אונזער פּאַרטיי איז קלאָר און אַלעמען באַוואוסט. זי איז באַזירט אויף די פונדאַמענטאַלע לעניניסטישע אידייען וועגן דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע. מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ די דערקלערונגען פון געוויסע אַראַבישע פּאָליטיקער וועגן דער „ליקווידאַציע פון מדינת ישראל", ווייל זיי זיינען אין געגנזאַץ צו דער זאַך פון פרידן און צו די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיגקייט".

דאָס איז פונדאַמענטאַל. **ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן.** אָבער פאַר איר איז לעבנס־וויכטיג אַ געהעריגער צוגאַנג צו דער אַראַבער־פראַגע. דערפון הענגט אָפּ די זיכערקייט און דער וואוילזיין פון די **ישראל־מאַסן.**

איך האָב געשריבן וועגן דעם נאָך מיין קומען פון ישראל. איך קאָן דאָ נאָר צוגעבן, אַז אַלע ברייטערע שיכטן פון ישראל שטימען איין מיט דער מאַגנעס־גרופּע, — מיטן „איחוד" — וועגן די אַראַבישע פליכטלינגען. אין זיין באַריכט דערמאָנט דר. סנה דעם מאַפּאַם־זשורנאַל „ניו אַאוטלוק", וואָס רעדט כסדר וועגן אַז אויסגלייך אין דער פליכטלינג־פראַגע. דר. סנה דער־מאָנט אַן אַרטיקל פון **גענעראַל משה קאַרמעל** אין אָרגאַן פון אחדות העבודה, „למרחב", וואו ער, קאַרמעל, האָט אָנגעוויזן, אַז די **נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל** פאָדערן אַן ענדערונג אין דער שטעלונג צו די אַראַ־בער, איינגעשלאָסן די פליכטלינג־פראַגע. די מאַגנעס־גרופּע, ווי די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי, ווי טיילווייז מפּ"ם און אחדות העבודה, האַלטן, אַז די איינ־שטעלונג מוז זיין, אַז די אַראַבער, וואָס ווילן זיך אומקערן אין די ערטער וואו זיי האָבן פריער געוואוינט, זאָל דערלויבט זיין אומצוקערן זיך — אַט ווי די יו־ען האָט באַשלאָסן. ס'איז אָבער קלאָר — און דאָס האָט אויך קלאָר געמאַכט פאַר מיר דער פאָרשטייער פון דער מאַגנעס־גרופּע, דר. שע־רעשעווסקי — אַז נאָר אַ קליינער פּראָצענט וועט זיך אומקערן. די אַנדערע וועלן דאַרפן פאַרגיטיגט ווערן. אַ פאַרגיטיגונג־פּלאַן, בלויז פאַרגיטיגונג, האָט דזשאַן פאָסטער דאַלעס פאָרגעשלאָגן אין אויגוסט 1957, און די ישראל־רעגירונג האָט דעם פּלאַן אָנגענומען (נאָכדעם ווי ער איז געקומען פון דאַלעס'ן). דער עיקר איז, מען זאָל זיך אַוועקזעצן **אונטערהאַנדלען**

וועגן דעם ענין, שאפן אן אטמאספערע פאר שלום, — אנהויבנדיג פונם אפשטעלן די פארפאלגונגען אויף אראבער אין ישראל גופא.

מען דארף דא אונטערשטרייכן, אז דאס איז ניט אן ענין פון סתם אננעמען זיך פאר די אראבער, ווי געוויסע עלעמענטן טייטשן עס אויס, און מיט פארוואורף, — כאטש עס איז בשום אופן קיין עוולה ניט אנצונעמען זיך, אויב מ'באגייט נעגן די אראבער, אדער געגן וועמען עס איז, אן עוולה. עס האנדלט זיך אבער וועגן דעם גורל פון דעם פאלק אין ישראל. אט ווי לינקאלן האט עס אנגעוויזן אין זיין קאמף געגן נעגער־שקלאפעריי: די פארפאלגונגען אויף איין טייל פון דער באפעלקערונג מוזן זיך אפרופן אויף דער גאנצער באפעלקערונג. בפרט נאך, אז בנוגע ישראל האנדלט זיך עס וועגן שאפן אן אטמאספערע פאר שלום מיט די שכנים און אין מיטל־מזרח בכלל.

איז אין אלץ שולדיג בלויז בן־גוריון?

אבער דא פרעגט זיך א פראגע: אויב אזוי פיל עלעמענטן אין ישראל ווילן אן ענדערונג, טא פארוואס רירט זיך עס ניט פון ארט? און ווי קאן מען טאקע זיין אזוי בלינד און גיין מיט פראנקרייך געגן אלזשיר? און ווי קאנען טאקע אידן שיקן געוועהר דער נעא־נאצישער דייטשער ארמיי? און פארוואס פארט לאזט מען די רייכע בארויבן די ארעמע, אזוי אז די סאציאלע נביאים וואלטן באמת געשטורעמט די הימלען געגן דעם? פארוואס בארויבט מען דורך וואוכערישע פראצענטן די קיבוצניקעס פון זייער פראצע?

איז דא דורכאויס בן־גוריון דער שולדיגער? אז ער איז שולדיג איז קיין פראגע ניט! אבער עס האנדלט זיך ניט אזוי וועגן בן־גוריונ'ען אלס פערזאן, ווי וועגן דעם שאוויניזם, — ביטערן, שיעור ניט ראסיסטישן שאוויניזם, פון וועלכן בן־גוריון איז דער פארשטייער. עס האנדלט זיך וועגן דער שעדלעכער איינשטעלונג פון „קיבוץ גלויות", אויפזאמלען די אידן פון „גלות" קיין ישראל.

בן־גוריון און די זייניגע זיינען זייער ערנסט בנוגע דעם ענין, „אריינגעמען" די העכער צען מיליאן אידן, וואס לעבן אויסער ישראל — די אמעריקאנער אידן, די סאוועטישע אידן, קודם כל די סאוועטישע. בן־גוריון פירט ממש א מלחמה אויף דעם געביט. אבער דא דארף מען דאך פרעגן — און די שכנים פון ישראל מוזן דאך פרעגן: וואו וועט מען זיי באזעצן? פירט ניט בן־גוריון א פאליטיק פון עקספאנסיע, און דערפאר שטיצט ער די אוואנטוריסטן אין דער ישראל־ארמיי, ווי מיר זעען עס פון דער לבון־אפערע? דערפאר שטיצט ער דעם פראנצויזישן און אנדערן קאלאניאליזם, האט געמאכט די אינוואזיע אין סיני? באשטעטיגט עס ניט די באשולדיגונג,

אז דער בן־גוריוניזם איז אָריענטירט אויף א מיליטערישער „לייזונג" פון גרעניץ און אנדערע פראגן? האט ניט אויך דער צוגאַנג געהאָלפן דערפירן ביז'ן געווער־אָפּמאַך מיט דער באַנייטער דייטשער ווערמאַכט?

ס'קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אז דער פאַרצווייפלטער קאמף פון די שאָוויניסטן פאר „קיבוץ גלויות" פירט צו אַלערליי שעדלעכע מעשים און שטייט אין וועג פון שלום מיט די שכנים.

מען רעדט איצט אָן א שיעור וועגן אן „עסק ביש", א שענדלעכן עסק, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1954, וועלכער האט געשעדיגט ישראל, ווי מען גיט איצט אָפּן צו. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן עסק? ווי די „ניו יאָרק טאַימס" האָט שוין פיל מאָל אָנגעוויזן, האנדלט זיך עס וועגן דעם, וואָס אוואַנטיוריסטן האָבן געזוכט אונטערצוצינדן די אַמעריקאַנער אמבאַסאַדע אין קאַירא, כדי צו שאַפן א ריס צווישן עגיפּטן און וואשינגטאָן. אזוי ווי די אוואַנטיורע האָט זיך געענדיגט מיט א קראַך, האָבן די אוואַנטיוריסטן דורך געפעלשטע דאָקומענטן, דורך א בלבול, א „פּרעים־אָפּ", געזוכט צו וואַרפן די שולד אויף לבונ'ען, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פאַרטיידיגונג־מיניסטער. און ווען א קאָמיסיע פון דער ישראל־רעגירונג, פון זיבן מיניסטאָרן, איינגעשלאָסן מפא"י־טוער, האָט לבונ'ען ריינגעוואַשן, האָט בן־גוריון אַלץ ניט געוואָלט נאָכגעבן, צוליב דעם וואָס ער זוכט צו באַשיצן די אוואַנטיוריסטן, די מיליטערישע קליקע אין דער אַרמיי־אָנפירונג און זיכערהייט־מיניסטעריום, און האָט דורך זיין רעזיגנאַציע געצוואונגען מען זאָל באַזייטיגן לבונ'ען פון דעם אמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. בן־גוריון וויל דאָ אויך דערגרייכן נאָך עפּעס: צאַמען די אַרבעטער וואָס קעמפן געגן יקרות, געגן נאָך העכערע שטייערן, דורך אַריינזעצן אין דער אָנפירונג פון הסתדרות זיינעם א מענטשן.

אָט־דאָס זיינען די פּרוכט פון שאָוויניזם, פון דער „קיבוץ גלויות"־ליניע, פון בן־גוריונ'ס אומאויפהערלעכן טשאַדיען וועגן „עם סגולה", „אויסדערוויילט פאָלק".

די סיבות פאַרן קריזיס אינם ציוניזם

און דאָ האָבן מיר פאַר זיך איינע פון די הויפּט־סיבות פון דעם קריזיס אין דעם ציוניזם, וועלכער דוויערט שוין כמעט זינט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, און האָט זיך איצט ספּעציעל פאַרשאַרפט. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס מענטשן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער איינשטעלונג פון מלוכה צוליב מלוכה, האָבן זיך איצט אַנטוישט. כדי צו קאָנען שטאָלצירן מיט א מלוכה, מוז זי גיין אויפן דרך הישר — ווי מיר האָפן, אז ישראל וועט גיין. איצט, מיט אַן עסק ביש, פּרעים אָפּס, דיקטאַטאָרישע מעשים, האַלט עס לײַדער ניט דערביי. נאָך פונדאַמענטאַלער איז דאָס,

וואָס יעדער איינער קאָן איצט זען ווי אומרעאַליסטיש עס איז, מילד גערעדט, דער לאָזונג פון „קיבוץ גלויות". ס׳איז קלאָר פאַר אַמעריקאַנער אידן, איינגעשלאָסן ציוניסטן, אַז אַמעריקע איז די היים זייערע, די היים פון זייערע קינדער. ס׳איז אויך אַזאַ שטייגער איינגעפאַלן איינער פון די הויפּט־פונדאַמענטן פון ציוניזם — דער „קיבוץ גליות" פונדאַמענט, די איינשטעלונג, אַז אַ אידישע מלוכה וועט אָפּשאַפן דעם אַזוי־גערופענעם „גלות".

אַן אַנדער פונדאַמענט איז איינגעפאַלן — און דאָס איז די איינשטעלונג, אַז אַ אידישע מלוכה וועט לייזן די פּראָבלעמען פון אידן אומעטום. ס׳איז איצט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די פּראָבלעמען פון די אַמעריקאַנער אידן מוזן געלייזט ווערן אין אַמעריקע, אין זייער היים. און אַזוי מיט די פּראָבלעמען פון אידן אין אַנדערע לענדער — אין זייערע היימען. נאָכמער: ניט נאָר לייזט ניט די אידישע מלוכה די פּראָבלעמען פון אידן אין אַנדערע לענדער, נאָר פאַרקערט! אויך וויפיל זי פירט אַ שעדלעכע פּאָליטיק, פאַרשאַרפט עס די פּראָבלעמען פון אידן אין אַנדערע לענדער, ווי מיר וועלן זען.

באַלד ווי מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן איז דער ציוניזם געשטעלט געוואָרן פאַר דער ווירקלעכקייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין קריזיס, וועלכער איז מיט יעדן יאָר שאַרפער געוואָרן און וועלכער האָט איצט, צוזאַמען מיטן קראַך פון דער בן־גוריון פּאָליטיק און מיט דער „פּרשה" בן־גוריון־לבון דערגרייכט זיין „העכסטע" פּאָרם. און אָט אַזוי איז געקומען אַ מאָמענט פון איבערברוך, פון איבערראַשן ווערטן. און דאָס האָט באַוועגט דעם לאַנגיאָריגן ציוניסטישן פירער, דר. יאָאַכים פּרינץ, פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַרויסצוקומען מיטן לאָזונג: „ציוניזם איז טויט". און ווי אַ רעזולטאַט דערפון האָט די פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אין פעברואַר אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע קאָנפערענץ, וואו דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרן אויף „דאָ׳איגקייט", אויף אָריענטירן זיך מיטן פּנים צו אַמעריקע.

געשיכטע און אַנטוויקלונג פון ציוניזם

מיר קאָנען דאָ ניט אַריינגיין ברייט אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָבער אָנווייזן דאַרף מען אויף עטלעכע גרונט־שטריכן. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל, אין 1897, וואו ס׳איז אָנגענומען געוואָרן די אַזוי־גערופענע באַזעלער פּראָגראַם, וועגן שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר אידן אין פּאַלעסטינע. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן ברייטער אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן אידן אין אַלטן רוסלאַנד. ס׳איז געבאָרן געוואָרן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער „בונד". די צוויי שטראָמען אין אידישן לעבן, דער סאָציאַליסטישער און דער ציוניסטישער, האָבן

געהאט איין קוואל: די צרות און ליידן פון די אידישע מאסן. עס איז געווען א צייט פון פארפאלגונגען, גזירות, תחום המושב, פאגראמען. אויף א וועלט־מאסשטאב האט פאר דעם געווירקט דער דרייפוס־פראצעס. די אידישע מאסן האבן געזוכט אן אויסוועג. דער סאציאליזם האט געפירט אין דער ריכטונג פון קאמף, באפרייאונג אויפן ארט; דער ציוניזם, וואס די אידעאלאגן זיינע זיינען געקומען פון דער בורזשואזיע, אדער קליינבירגערטום, האט געפירט אוועק פון קאמף. ארץ ישראל האט געזאלט זיין די לייזונג, וויינינגסנטס — די הויפט־לייזונג.

וואס איז שייך די אידישע מאסן, וועלכע זיינען באאיינפלוסט געווארן פונם ציוניזם, האבן זיי געהאט בלויז איין ציל — זיך ראטעווען פון די צרות און אומגליקן. דאס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן, — ניט געקוקט דערויף וואס עס איז קלאר, אז די בורזשואזיע, און פארשטייער פון דער אלגעמיינער רעאקציע, האבן געזוכט אויסצונוצן דעם ציוניזם, כדי אפצורייסן די מאסן פונם קאמף אויפן ארט. ס'איז גענוג צו דערמאנען זיך אן די צילן, וואס דער צארישער אינערן־מיניסטער פאן־פלעווע האט אנגעבונדן אן דעם ציוניזם — אלץ איינס ווי מ'זאל ניט פרובירן כשר'ן דעם שרץ, פארטיידיגן הערצל'ס רייזע צו פאן פלעווע'ן (און מיר קאנען דא ברייטער אין דעם ענין ניט אריינגיין); ס'איז גענוג דאס איינזינען צו האבן, כדי צו באגרייפן, ווי אזוי מ'האט געזוכט אויסצונוצן דעם ציוניזם. די מאסן, אבער, האבן וועגן די צילן וויינינ געטראכט, ווי זיי האבן וויניג געטראכט וועגן פאליטישן ציוניזם, נאר האבן געמיינט, געהאפט, אז ציוניזם וועט זיי ראטעווען פון די צרות. זיי זיינען טאקע אפגעריסן געווארן פון די ארטיגע קאמפן און אויסגענוצט געווארן. און קיין לייזונג איז ניט געקומען. אבער ס'איז וויכטיג מ'זאל די שטימונגען פון די מאסן באגרייפן, איינזינען האבן.

איך דערמאן עס דא, כאטש נאר פארבייגייענדיג, ניט סתם כדי צו ווארפן א בליק אויף געשיכטע. מיר קאנען און דארפן האבן דעם זעלביגן צוגאנג אויך אין דעם איצטיגן מאמענט, בנוגע די גרויסע מאסן אנהענגער פון ציוניזם דא, אין אמעריקע. דער ציוניזם איז געווען און פארבליבן א בורזשואז־נאציאנאליסטישע באוועגונג, איז אויסגענוצט געווארן און ווערט אויסגענוצט צוליב שעדלעכע צילן. מאסן ווערן אפגעריסן. ציוניסטישע פירער פאלגן נאך די ליניע פונם סטעיט־דעפארטמענט. אבער אונז איז אויסגעקומען אנצואווייזן אין די באריכטן צו די „מארגן־פרייהייט" צוזאמענפארן אין 1957 און 1960 אויף עטוואס, וואס מיר דארפן דא ווידערהאלן: די ברייטע מאסן ציוניסטישע אנהענגער אין אמעריקע זיינען קנאפ וואס פאראינטערעסירט אין פאליטישן ציוניזם, נאך וויניגער פאראינטערעסירט אין שטיצן דעם סטעיט־דעפארטמענט, און נאך א סך וויניגער — אין שטיצן דעם פראנצויזישן און אנדערן קאלאניאליזם. די אידישע מאסן

זיינען ווייט דערפון! די ציוניסטישע אַנהענגער אין אַמעריקע זיינען דער עיקר פאַראינטערעסירט אין העלפן ישראל. דאָס איז אַ באַגער, מיט וועלכן יעדער איינער קאָן סימפּאַטיזירן. מען דאַרף העלפן דעם פאָלק פון ישראל! אָבער אויף וויפיל די ביז־איצטיגע הילף האָט דעם פאָלק פון ישראל **ניט** געהאָלפן, ווי מיר האָבן געזען, און קיין זיכערקייט **ניט** געשאַפן, דאַרף פאַר די ציוניסטישע אַנהענגער קלאָר ווערן, אַז דער ביז־איצטיגער צוגאַנג טויג ניט. דאָ איז גערעכט **דזשעימס וואַרבורג**, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז די געלטער פון „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" גייען פאַר פּאָליטישע פּאַרטייען, און שטיצן אַ פּאָליטיק, ווי וואַרבורג האָט אָנגעוויזן, געגן פרידן. (מיר איז אויסגעקומען אין מיין פּרעסע־איבערזיכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 26טן יאַנואַר, צו ברענגען פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז פאַר די לעצטע צען יאָר האָבן די בירגערלעכע פּאַרטייען אין ישראל געקראָגן אַרום 18 מיליאָן דאָ־לאַר פון די געלטער פון דער יו־דזשעי־עי, איינגעשלאָסן די פּראָ־פאַשיסטישע חירות פּאַרטיי; אַז די „איטאַ" קריגט 100 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר און פאַר־שיידענע אַנדערע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטורן קריגן הונדערטער־טויזנטער יערלעך, — אָפּגערעדט שוין פון די הוצאות אויף דעם גרויסן און הויך־באַצאָלטן אַפּאַראַט). וויכטיגער פון אַלץ איז דער פאַקט, וואָס די וועלכע שטייען בראש פון יו־דזשעי־עי, גייען זיך צונויף מיט דער בן־גוריונ׳־שער קאַלטע מלחמה פּאָליטיק, ווי דזשעימס וואַרבורג האָט אָנגעוויזן.

ניט אַלע ציוניסטן זיינען פון איין גוס

אַמעריקע איז די היים פון די אַמעריקאַנער אידן. דאָס איז קלאָר. אַלע רייד וועגן „גלות" — פּוסטע רייד, שעדלעכע רייד — קאָנען ניט באַזייטיגן דיווירקלעכקייט. אַמעריקאַנער אידן זיינען איינגעוואָרצלט אין אַמעריקע, זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן און צונויפגעהאָפטן מיט זייער אַמעריקאַנער היים — עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל. און דאָס גילט פאַר אַלע אַמעריקאַ־נער אידן, אויך פאַר די אַנהענגער פון ציוניזם, אויך פאַר די ציוניסטישע פירער.

אין פאַרבינדונג דערמיט וועט ווערט זיין צו ברענגען עטוואָס פון אַ בריוו, וואָס דער ציוניסטישער פירער, ראַבאַי דר. אבא הלל סילווער, האָט געשריבן צום זשורנאַל „לוק" (אָפּגעדרוקט אינעם בולעטין פונם קליוולענדער טעמפּל, פון 29טן יאַנואַר 1961). ענטפערנדיג אויף דער אַטאַקע פון בן־גוריונ׳ען, אַז ער (סילווער) הייסט **אַנדערע** אידן פאָרן קיין ישראל, זאָגט ראַבאַי סילווער:

„דאָס, מוז איך צום באַדויערן זאָגן, איז אַ שאַרפע פאַרקריפּלונג פון מיין איינשטעלונג. איך האָב קיינמאָל ניט אַגיטירט וועלכן עס איז אידן צו פאָרן קיין ישראל. אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָב איך גע־

ארבעט פאַר דער ווידער־אויפשטעלונג פון מדינת ישראל, כדי אידן וואָס ווילן פאָרן אין ישראל, אָדער מוזן פאָרן, צוליב דרוק און פאַרפאָלגונגען, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן".

ראַבאַי סילווער שטיצט זיך דאָ אויף דער באַזעלער פראָגראַם פון 1897 און ווייזט אָן, אַז די דאָזיגע פראָגראַם פאַרפליכטעט ניט ציוניסטן צו אויס־וואַנדערן. ניט אַריינגייענדיג אין דער אויסטייטשונג פון דער באַזעלער פראָגראַם, איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ אַן אויסגעשפּראָכענע שטעלונג פון איינעם פון די הויפּט־פירער פון אַמעריקאַנער ציוניזם, אַז אויך פאַר ציוניסטן שטייט ניט די פראַגע וועגן אויסוואַנדערן קיין ישראל.

רעדט מען וועגן ציוניסטישע אָנהענגער און אויך ציוניסטישע פירער, איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, אַז ניט אַלע זיינען פון איין גוס. מ'דאַרף אונטערשיידן צווישן פירער, וואָס דינען דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און פאַר־נעמען זיך מיט קאַלטער מלחמה פּאָליטיק, מיט אַנטי־סאָוועטיזם — און זיי זיינען ליידער די מערהייט — און פירער, וואָס טרעטן אַרויס פאַר פרידן, שטיצן די אידייע פון קאָ־עקזיסטענץ, אויב אַפילו ניט אויף אַן אויסגע־האַלטענעם שטייגער.

דער אַרויסטריט פון דר. יאָאַכים פרינץ

אין ציוניזם זיינען דאָ פאַרשיידענע ריכטונגען. מ'דאַרף באַדויערן וואָס מאַפּאַם־טוער דאָ אין לאַנד, אָדער אָנפירער פון די „פּראָגרעסיווס פאָר איזראַעל", באַטייליגן זיך ניט אין אַרבעט פאַר פרידן, אין בויען דאָ די אידישע קולטור און בכלל דאָס אידישע לעבן. ליידער זיינען די מאַפּאַם־טוער נאָך ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון ציוניסטן בכלל, וועלכע זאָגן, אַז אַמעריקע איז די היים פון אַמעריקאַנער אידן. אָבער צווישן די אָנ־הענגער פון מאַפּאַם, אָדער פון הדסה און אַנדערע, זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס אַרבעטן פאַר פרידן, וואָס העלפן בויען די אידישע קולטור — אָדער וואָס קאָנען אַריינגעצויגן ווערן אין אַזאַ אַרבעט.

עס איז אַלע מאָל נויטיג געווען צו באַהערשן די **קונסט פון קאָנען מיטאַרבעטן מיט מענטשן פון אַנדערע ריכטונגען.** נאָך מער, קאָן מען זאָגן, איז נויטיג צו קאָנען באַהערשן די דאָזיגע קונסט איצט, ווען פריער־דיגע גרעניצן אינם אידישן לעבן ווערן אָפּגעווישט, ווען עס קומט פאָר אַ יערונג, אַן איבערבראָך, אַ חשבון הנפש צווישן באַדייטנדיגע שיכטן אָנהענגער פון די פאַרשיידענע ציוניסטישע ריכטונגען און באַוועגונגען דאָ אין לאַנד.

ניטאָ קיין שאַרפערער אויסדרוק פון דעם דאָזיגן חשבון הנפש, ווי די דערקלערונג פון דר. יאָאַכים פרינץ, פרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַז „ציוניזם איז טויט"; אַז „די ציוניסטישע פראַזעאָלאָגיע און

איר אומרעאַליסטישע אידעאָלאָגיע קאָן מער נישט אַפּעלירן צו די יונגע מענער און פרויען פון דער היינטיגער צייט". אָבער העלפן מאַכן דעם חשבון הנפש און באַוועגן, אַז ציוניסטן, אָדער געוועזענע ציוניסטן, זאָלן צוטרעטן צום בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן, קאָן מען ניט, טאָר מען ניט, דורך שאָדן־פרייד. פאַר ציוניסטישע אָנהענגער, וואָס האָבן אויפריכטיג געגלויבט, אַז ציוניזם, אָדער מדינת ישראל, וועלן העלפן לייזן אידישע פּראָבלעמען דאָ אויפן אָרט, וועלן לייזן די אידישע פראַגע, איז דער איצטיגער איבערבראָך אָן ספק באַגלייט מיט פּיין און אַנטוישונג. ס'איז נויטיג אַ געהעריגע פאַרשטענדעניש פאַר דער סיטואַציע; אַן איבערצייגונג, אַז בכלל גענומען האָט מען פאַר זיך אָרנטלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן, ווי געזאָגט, קיין שייכות ניט מיטן פּאָליטישן ציוניזם, זיינען געווען געגען דער דאָלעס־פּאָליטיק, זיינען געגן אַדענאַוער'ן און בכלל געגן נעאָ־נאַציזם און וואָלטן טאַקע געוואָלט, אַז דער היגער ישוב זאָל זיך געפינען אויף געזונטע יסודות.

אַמעריקאַנער אידן געגן דער בן־גוריון איינשטעלונג!

די דערקלערונגען פון בן־גוריונ'ען אויפן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס אין ירושלים, סוף דעצעמבער 1960, אַז אידן אין גלות זיינען „גאָטלאָז" (ער האָט „בלויז" ציטירט, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, איז געווען זיין קלוגער תירוץ...), אָדער אַז אידן איבער דער גאַנצער וועלט „געהערן" צו ישראל, ווי עס איז אויסגעקומען פון זיינע רייד, האָבן געשאַפן אַ סיטואַציע, **וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געזען געוואָרן**: אידן פון כמעט אַלע ריכטונגען דאָ אין לאַנד זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן געגן בן־גוריונ'ען. ריכטיגער — געגן דער איינשטעלונג זיינער.

אידן האָבן זיך געקרימט איבער די „שילומים" און (לײדער) אַראָפּגעשלונגען; געקרימט זיך איבער די געשעפטן מיט אַדענאַוער'ן, איבער דער בן־גוריון־אַדענאַוער באַגעגעניש אין וואַלדאָרף אַסטאָריאַ — און (ליידער) אַראָפּגעשלונגען; געקרימט זיך, ממש געוואָרגן זיך, מיטן געוועהר־געשעפט צווישן די ישראל־פירער און דער אַדענאַוער־אַרמיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון היטלער־גענעראַלן — און (ליידער) אַראָפּגעשלונגען. אָבער בן־גוריונ'ס רעדע אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען ווי „דער לעצטער שטרוי, וואָס האָט געבראָכן דעם קעמל'ס רוקן". ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז די אַלע פריערדיגע מעשים תעתועים פון דער בן־גוריון פירערשאַפט האָבן זיך דאָ אָפּגערופן! און דאָס האָט אָן ספק אויך געווירקט אויף דר. פּרינצ'ן, ער זאָל מאַכן זיין סך הכל; זאָל אַרויסקומען מיטן שאַרפן לאָזונג: „ציוניזם איז טויט".

צו אַלע זאַכן איז איצט צוגעקומען נאָך אַ זייער וויכטיגער עלעמענט: דער בן־גוריון שאָוויניזם שטעמפּלט אידן ווי „פרעמדע" אין די לענדער וואו זיי וואוינען. אַז דערמיט ווערט געגעבן אַ געווער אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן, איז קלאָר.

נאָך פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס איז די פירערין פון הדסה און פון דער אידישער אַגענטור, ראָוז האַלפּערן, אַרויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אַז בן־גוריון'ס צוגאַנג שטעלט אַוועק פאַר די ציוניסטן די פראַגע פון „דואַל אַלידזשיענס", טאָפּלטע אָנגעהעריגקייט צו צוויי מלוכות. און דער אופן ווי ער האָט זיין צוגאַנג פאָרמולירט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס — און די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע, ווי די וועלט־פּרעסע בכלל, האָט די העכסט שעדלעכע מיינונג זיינע איבערגעגעבן — האָט נאָך קלאָרער געמאַכט, אַז דאָ שפּילט מען זיך ממש מיט פייער. די ראַקוועלס און אַנדערע נאַצים־אַנטיסעמיטן האָבן זיך פון בן גוריונ'ס באַמערקונגען געוויס דערפרייט. און אויב די שרייבערין עדנאַ פערבער איז אפשר געווען צו שאַרף, ווען זי האָט אין אַ בריוו אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פון 21טן יאַנואַר, געשטעמפּלט בן־גוריונ'ס מיינונג ווי „היטלעריסטיש", איז איר צאָרן אָבער געווען פאַרשטענדלעך. און פּונקט אַזוי איז געווען פאַרשטענדלעך דער צאָרן פון דעם שרייבער דזשאָזעף בערי אין דער „ג. י. פּאָוסט" פון 7טן פעברואַר, וואו ער האָט אָנגעוויזן, אַז בן גוריונ'ס דערקלערונגען האָבן געשאַפן אַ לעבנס־געפאַר פאַר די אידן אין מאַראָקאָ — וואו די לאַגע זייערע איז אַזוי אויך אַ שווערע. און מ'דאַרף דאָ צוגעבן, אַז די אידן פון אַלזשיר זיינען געשטעלט געוואָרן אין גרויס געפאַר צוליב דער געטריישאַפט פון דער בן־גוריון רעגירונג צום פראַנצויזישן קאָלאָניאַליזם, וועלכער האָט אין די לעצטע זעקס־זיבן יאָר פאַרגאָסן טייכן בלוט פון דער אַלזשירער באַפעלקערונג, וואָס קעמפּט פאַר אומאָפּהענגיגקייט, — אָט ווי די אידישע מאַסן אין ארץ ישראל האָבן געקעמפּט.

דער שאָוויניזם, פאַרטראָטן דורך בן־גוריונ'ען און די זייניגע, האָט ביז איצט געבראַכט גרויס שאָדן די אידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, דירעקט און אינדירעקט. איך שטרייך אונטער: דער שאָוויניזם און ניט סתם אַזוי דער ציוניזם, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען פון פיל ציוניסטישע אָנהענגער. אויפן דירעקטן שאָדן האָבן מיר דאָ אָנגעוויזן. און אין דעם חשבון דאַרף מען אַריינרעכענען די טעאָריע פון „אָפּווישן" 2000 יאָר אידיש לעבן, צונישט מאַכן אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, ווי בן־גוריון האָט זיך דערוועגט עס צו טאָן אין זיין רעדע אין בראַנדייס אוניווערזיטעט אין מערץ 1960, — און פאַר דער רעדע איז ער קריטיקירט געוואָרן אויך פון ציוניסטן, וועלכע שטימען ניט איין מיט אַזאַ שאָוויניסטישן צוגאַנג. אָבער ס'איז פאַראַן אַן אומדירעקטער שאָדן, וואָס געוויסע דערשיינונגען אין ישראל — שעדלעכע פאַר ישראל גופא — ברענגען אידן אין אַנדערע לענדער.

שעדלעכע ישראל־פאָליטיק שעדיגט אידן אין אַמעריקע

ס'איז באַקאַנט די טעאָריע פון דעם אַמאָליגן ציוניסטישן דענקער, אחד העם, — אַז אַ אידישע מלוכה קאָן ווערן אַ צענטער, וואָס זאָל מאָראַליש באַווירקן דעם „גלות"; ווערן אַ „גייסטיגער צענטער" פאַרן אידישן פאָלק. די טעאָריע האָט פאַרשטייט זיך ניט געהאַט קיין באָדן אונטער זיך. זי האָט ניט גענומען אין אַכט אַ „קליינינקייט": די איינגעוואָרצלטקייט פון אידן אין זייערע היימען, אין די לענדער וואו זיי וואוינען, — עקאָנאָמישע, פאָליטישע און קולטורעלע איינגעוואָרצלטקייט. די טעאָריע האָט ניט גענומען אין אַכט דאָס שאַפנדיגע אידישע לעבן אויפן אָרט, וואו אידן וואוינען. וואָס זעען מיר איצט?

ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז עס זיינען דאָ אין ישראל, צווישן די אַרבעטנדיגע אין ישראל, פאָזיטיווע זאַכן, וואָס אויב אַפילו זיי באַאיינפלוסן ניט אונזער לעבן דאָ, האָבן זיי אָבער אַ פאָזיטיווע באַדייטונג. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף די אויפטואונגען פון די אידישע אַרבעטס־מענטשן. און די קיבוצים, ניט געקוקט אויפן ביטערן קריזיס, אין וועלכן זיי געפינען זיך — זיי ווערן ממש דערשטיקט אין דער אַטמאָספערע פון סופּער־עקספּלואַטאַציע און אַדענאַוער־געשעפטן — האָבן פונדעסטוועגן אַ פאָזיטיוון, אַפילו באַגייסטערנדיגן ווערט. ישראל־לידער, וואָס מ'הערט אָפט, פאַרמאָגן אַ ווערט — אויב זיי זיינען לידער פון אַרבעט, פון פרידן, ניט קיין שאָוויניסטישע לידער. אָבער ס'איז לײדער פאַראַן די אַנדערע זייט פון דער מטבע.

למשל: אויף וויפיל אין ישראל האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס געשאַפן אַ טעאָקראַטיע, — דער ראַבינאַט האָט געקראָגן מלוכה־מאַכט, — האָט עס געהאָלפן שטאַרקן דעם אָבסקוראַנטיזם אין „גלות". זעען מיר טאַקע אַ „פראָספּעריטי" אין אַמעריקע פון אַלערליי סאָרטן סאַטמארער, גערער, ליובאַוויטשער און אַנדערע מחנות, וואָס שפּרייטן פאַנאַטיזם, אָבסקוראַנטיזם, ציען אַריין יוגנט אַפילו. די טעאָקראַטיע אין ישראל, די פאַרבינדונג צווישן רעליגיע און מלוכה — אַנשטאָט זיי זאָלן זיין אָפּגעטיילט — שפּילט דאָ אָן ספק אַ ראָל, אויב אַפילו ניט די גאַנצע ראָל.

פיל ערנסטער איז דאָס פאָלגנדיגע. עס מוז זיך דאָך פרעגן: פאַר־וואָס זיינען אידישע פירער אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער אַזוי גלייכ־גילטיג צום ענין הויזינגער? איז דען מעגלעך, אַז עס געפעלט זיי וואָס דער קריגס־פאַרברעכער, איינער פון היטלער'ס הויפּט־סטראַטעגן, זאָל קומען קיין וואַשינגטאָן? און איז מעגלעך, אַז ס'איז זיי געפעלן געווען ווען בן־גוריון האָט זיך דאָ אין ניו יאָרק באַגעגנט מיט אַדענאַוער'ן? איין ענטפער איז, אַז פיל פון די דאָזיגע פירער פאָלגן נאָך די ליניע פונם סטעיט־דעפּאַרטמענט, אָבער ס'איז דאָ נאָך אַן ענטפער: די אויסערן־פאָליטיק פון דער

ישראל-רעגירונג האָט זיי אין אַ גרויסער מאָס געבונדן די הענט. קיין פאַרענטפערונג פאַר אַזאַ צוגאַנג איז ניטאָ, אָבער דאָס מאַכט ווידער קלאָר, ווי אַזוי די פאַלשע פּאָליטיק פון דער ישראל-רעגירונג שעדיגט די אינטערעסן פון אידן אין אַנדערע לענדער.

מיר וועלן באַלד רעדן וועגן דעם ענין אייכמאַן, און וועלן ווידער זען צוויי זייטן פון דער מטבע, אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע. אָבער לאָמיר דערווייל דאָ איבערגעבן דאָס פאָלגנדיגע.

מעמאָראַנדום פון אידישן קאָנגרעס וועגן הויזינגער׳ן...

אויפן נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטענעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס האָט דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, מאיר גראָסמאַן, אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן דער שייכות צווישן דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון ישראל און די אידישע ישובים איבער דער וועלט. ער האָט געזאָגט:

„פאַרוואָס זאָל די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, אָדער די אידישע ישובים אין די פאַרשיידענע לענדער, זיך אידענטיפיצירן מיט דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון מדינת ישראל? איך זע אַן ערנסטע געפאַר פאַר ביידע צדדים, אויב די וועלט זאָל קריגן אַזאַ איינדרוק... מ׳דאַרף ניט זיין קיין נביא צו פאָראויסזען, אַז די מיסאינטערפּרעטאַציע פון די באַציאונגען צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מדינת ישראל קאָן ווערן געפערלעך סיי פאַר ישראל און סיי פאַר די אידן אין די לענדער וואו זיי וואוינען".

דאָ איז — אויף אַ ניט־קלאָרן אופן, קאָן מען זאָגן — באַרירט געוואָרן די פראַגע, וואָס מיר האָבן פריער באַהאַנדלט, — אַז שעדלעכע ישראל-פּאָליטיק ברענגט שאָדן אידן אין אַנדערע לענדער.

דער ענין אַדענאַוער איז אַ ביישפּיל. אידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער מוזן זיך פילן באַליידיגט און דערנידעריגט פון די געשעפטן פון די ישראל-רעגירער מיט אַדענאַוער׳ן און גלאָבקע׳ן. די דאָזיגע געשעפטן, בפרט דאָס שיקן געווער דער אַרמיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון היטלער־גענעראַלן, קאָן אידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער קיין כבוד ניט פאַרשאַפן... אַנטיסעמיטן קאָנען דאָ קריגן שפּייז פאַר זייער אַגיטאַציע...

אָדער, ווידעראַמאָל, דער ענין הויזינגער. עס ליגט פאַר מיר אַ מעמאָראַנדום פון אַ זיצונג, וואָס אַ קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, די „קאָמישיאָן אָן אינטערנעשאָנאַל אַפעירס", האָט אַרויסגעגעבן, דאַטירט נאָוועמבער 22, 1960. געווען איז עס נאָך דעמאָלט, ווען ס׳איז ערשט געפּלאַנעוועט געוואָרן, אַז דער היטלער־גענעראַל זאָל ווערן דער פאָרזיצער פון דער „נאַטאָ" מיליטערישער קאָמיסיע. אין דעם מעמאָראַנדום זאָגט

די קאמיסיע פון אידישן קאנגרעס, אז הויזינגער „איז געווען דער הויפט פון די אפעראציעס און פלאנירונגען אין היטלער׳ס העכסטן שטאב פאר די אל-דייטשע אקציעס אויפן רוסישן פראנט". עס זאגט זיך דארט ווייטער, אז הויזינגער „איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון מיליטערישער אנפירונג דירעקט אונטער היטלער׳ן". און דער מע־מאראנדום ברענגט אויסצוגן פון צוויי מערדערלעכע באפעלן, וואס היטלער האט געגעבן, „אויסצושעכטן די באפעלקערונג ביזן לעצטן מאן". — באפעלן, וואס הויזינגער האט אונטערגעשריבן מיט זיינע איניציאלן.

איז קלאר, אז די הויזינגער־פראגע איז געשטאנען און שטייט פאר די פירער פון אמעריקאנער אידישן קאנגרעס, ווי פאר אנדערע אידישע פירער. פארוואס׳זשע האבן זיי גארניט געטאן, ווען הויזינגער איז מיט דער הילף פון וואשינגטאן (נאך אונטער אייזענהאוער׳ס אדמיניסטראציע) באשטימט געווארן אויף דעם וויכטיגן נאטא־אמט, מיט א זיץ־ארט אין וואשינגטאן?

אויף דער פראגע זיינען דא צוויי ענטפערס, ווי מיר האבן פריער אנ־געוויזן: 1) פיל פון די אידישע פירער פאלגן אוים די ליניע פון סטעיט־דעפארטמענט, אדער שלינגען זי אראפ אין שטילשווייגעניש. עס איז אבער אויך קיין ספק ניט, 2) אז די פריינטשאפט צווישן די אנפירער פון דער ישראל־רעגירונג מיט מערב־דייטשלאנד בינדט זיי די הענט. פון די „שילומים" אן איז אלץ רעכט...

די קדושים און העלדן אין די געטאס און שחיטה־לאגערן, די געטא־קעמפער, האבן זיך אוודאי ניט געקאנט פארשטעלן, אז אידן זאלן רואיג איינגיין אויף היטלער׳ס הויפט־גענעראל, ער זאל זיין דער אנפירער פון דער סטראטעגיע פאר דער „פרייער וועלט" . . .

שטעלונג צו אלזשיר און די נעגער־מאסן

ס׳איז באקאנט, אז צווישן די נעגער־מאסן דא אין לאנד האט זיך, ווי א רעזולטאט פון די צרות, וואס די נעגערס האבן אויסצושטיין, געשאפן א סעקטע מיטן נאמען „מוסולמאנער", — א באוועגונג אזא, וואס האלט, אז די גרויסע נעגער־ארגאניזאציעס, „ען־עי־עי־סי־פי" און „אורבען ליג", זיינען צו מילד. די „מוסולמאנער" באוועגונג איז פארכאפט פון שאוויניזם בנוגע ווייסע און אויך פון אנטיסעמיטיזם. און זי נוצט אוים די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג צו אלזשיר, און אויך די דיסקרימינאציעס בנוגע אראבער אין ישראל. בשעת דעם סיני־אנגריף האבן די „מוסולמאנער" אנגעפירט א שטארקע פראפאגאנדע געגן ישראל און געגן אידן בכלל, באנוצנדיג דעם דאזיגן אנגריף, וואס די ישראל־ארמיי האט אנגעהויבן, לויט א פריערדיגער פארשטענדיגונג מיט פראנקרייך און ענגלאנד און מיט זייער

הילף. די „מוסולמאנער" אגיטאציע האט דעמאלט געקראגן א באדייטנדיגן אפקלאנג, ווייל דער אמעריקאנער עולם בכלל איז געווען געגן דעם אנגריף.

מאיר גראסמאן איז געווים גערעכט, ווען ער זאגט, אז אידן אין אנדערע לענדער טארן זיך ניט אידענטיפיצירן מיט דער אויסערן־פאליטיק פון ישראל. לײדער איז עס אבער אזוי. ציוניסטישע פירער און אידישע פירער בכלל אידענטיפיצירן זיך יא, אדער נעמען אן די דאזיגע פאליטיק מיט שטילשווייגן, ניט ארויסטרעטנדיג געגן איר. דאס דאזיגע שטילשווייגן ווערט אנגענומען ווי אידענטיפיקאציע, ווערט אויסגענוצט!

אין די אינטערעסן פון די אידישע מאסן דא אין לאנד מוז מען זיך בפירוש אפטרייסלען פון שעדלעכע האנדלונגען פון דער ישראל־רעגירונג, ארויסזאגן זיך געגן זיי. אבער דאס בעסטע וועט זיין, סיי פארן פאלק פון ישראל און סיי פאר די אידן דא אין לאנד, ווי אין אנדערע לענדער, ווען די ישראל־פאליטיק וועט געפירט ווערן לויט דער ליניע פון אנטי־אימפעריאליזם, אין גייסט פון ישראל'ס אייגענעם קאמף אין 1948, אין גייסט פון די איצטיגע היסטארישע קאמפן אין אזיע, אין אפריקע.

גרויסע מאסן אין ישראל גופא שלאגן זיך פאר אזא צוגאנג. דאס זאגט אונז ווידעראמאל, אז וואס די פאליטיק פון דער רעגירונג זאל ניט זיין, מוזן מיר כסדר אינזינען האבן דאס פאלק, דאס ארבעטנדיגע פאלק. און די קאנפליקטן צווישן דעם פאלק און דער בן־גוריון פאליטיק האבן זיך איצט פאנאנדערגעוויקלט ווי קיינמאל ניט פריער!

ישראל געפינט זיך איצט אין א מאמענט פון איבערברוך, פון איבערטאשירונג און איבערשאצונג. גרויסע מאסן, איינגעשלאסן מאפאי־מיטגלידער, ביי וועמען בן־גוריון איז געווען אן אפגאט, האבן זיך איצט אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און אנגעהויבן איינזען, אז זיין פאליטיק איז א פאלשע. דער קאנפליקט צווישן ישראל־פאלק און דער אנטי־פאלקישער פאליטיק ברייטערט זיך אויס און מוז האבן אן אפקלאנג אויך דא אין לאנד, צווישן ציוניסטן, צווישן די ביז־איצטיגע אנהענגער פון בן־גוריונ'ען — די פועלי ציון, די מיטגלידער פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, די פיאנערן פרויען.

דער ענין אייכמאן

עטלעכע ווערטער מוזן געזאגט ווערן וועגן דעם ענין אייכמאן. קודם מוז דער ענין כאטש וויפיל ניט איז דא בארירט ווערן. עס איז אבער אויך וויכטיג מ'זאל אויך דא זען דעם קאנפליקט צווישן דעם פאלק און דער בן־גוריון פאליטיק.

דער ווילן פון די מאסן היטלער־קרבנות, וואס געפינען זיך אין ישראל, זייער אנטשלאסנקייט צו כאפן אייכמאנ'ען, ווי אויך די לאגיק פון די היס־

טאָרישע אַנטוויקלונגען —ביידע זאַכן — האָבן געבראַכט דערצו, אַז איי־
נער פון די הויפּט־מערדער פון אונזער פאָלק, אַדאָלף אייכמאַן, זאָל גע־
כאַפּט ווערן און אַ משפּט איבער אים זאָל איינגעאָרדנט ווערן. דאָס כאַפּן
אייכמאַנ׳ען דאַרף אָן ספק געשטעלט ווערן אויף דער פּאָזיטיווער
זייט פון מדינת ישראל. ווען ניט מדינת ישראל וואָלט דער מאַסן־
מערדער עד היום געזעסן רואיג אין אַרגענטינע, וואו עס געפינען זיך
נאָך אַ סך נאַצישע מערדער, ווי זיי געפינען זיך אין פיל קאַפּיטאַליסטישע
לענדער, איינגעשלאָסן עגיפּטן, דער עיקר אין מערב־דייטשלאַנד! אָבער
די אַנדערע זייט פון דער מטבע איז ווידעראַמאָל די אויסלענדישע פּאָליטיק
פון דער ישראל־רעגירונג. און דאָ האָט זיך געשאַפן אַ קאָנפליקט צווישן
דעם פאָלק — פון איין זייט — און דער פּאָליטיק פון פריינטשאַפט מיט
אַדענאַוער־גלאָבקע — פון דער אַנדערער זייט — דער פּאָליטיק פון באַ־
וואָפענען די נייע ווערמאַכט מיט אידיש געווער. צוליב דער פּאָליטיק קריגט
איצט אייכמאַנ׳ס אַדוואָקאַט, סערוואַציוס, באַצאָלט פון דער ישראל־רעגי־
רונג, פאַר פאַרטיידיגן אייכמאַנ׳ען. בן־גוריון האָט זיך דערוועגט פער־
זענלעך אויפצונעמען סערוואַציוס׳ן! און עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּראָ־
בעס צו האַלטן פון דערווייטנס דעם הויפּט־ריכטער פון ירושלים, וואו אייכ־
מאַן דאַרף גע׳משפּט ווערן, בנימין הלוי, ער זאָל מיט דעם פּראָצעס ניט
האָבן צו טאָן. ריכטער הלוי האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען פון אַן אויס־
געהאַלטענעם קעמפער געגן נאַציזם, דורך זיין אורטייל איבער קאַסטנער׳ן,
מיט וועמען אייכמאַן האָט געפירט געשעפטן. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז
אַדענאַוער און גלאָבקע, ווי זייערע פריינט אין ישראל, ווילן ניט אַ משפּט,
וואָס קאָן זיי אליין, די גלאָבקע־לייט אין מערב־דייטשלאַנד, אריינציען.

מיר דאַרפן שטיין זייט ביי זייט מיט די פאָלקס־מאַסן אין ישראל, אין
דעם פאַל ווי אין אַלע פאַלן. כסדר דאַרפן מיר אינזינען האָבן די אַרבעטנ־
דיגע פון די פאַבריקן, ווערקשטאַטן און קיבוצים, — אויך ד׳ אַרבעטנדיגע
יוגנט, אַ פּאָזיטיווע יוגנט, וועלכע מיר מוזן האָבן פאַרן אויג, ווען מ׳רעדט
וועגן דער נעגאַטיווער יוגנט, וואָס קומט דער עיקר פון דער ישראל־בורזשו־
אַזיע און ווערט באַאיינפלוסט פון דעם מיליטאַריזם־אַוואַנטיוריזם און געיעג
נאָך פּראָפיטן. דער איצטיגער אויפברויז פון די סטודענטן אין ישראל באַווייזט
אויך אַ נייעם קער צווישן דער שטאָטישער יוגנט.

קאַמף פאַר שלום — הויפּט־שטיצע פאַר ישראל

איינע פון די וויכטיגסטע פאָרמען פון אונזער קאַמף לטובת די מאַסן
אין ישראל איז — קאַמף געגן דער פּאָליטיק פון סטעיט־דעפּאַרטמענט, פון
די אויל־טראָסטן. דאָס זיינען זיי דאָך, די אויל־טראָסטן, צווישן די הויפּט־

שולדיגע אין דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין שלום צווישן ישראל און אירע שכנים! און דאָס איז אַ טייל פון אונזער הויפּט־קאַמף פאַר ישראל — דער קאַמף פאַר שלום!

ווער עס קעמפט ניט פאַר שלום, קעמפט פאַקטיש ניט פאַר ישראל — אַלץ איינס וועלכע גוטע כוונות לטובת ישראל מ'זאָל ניט האָבן! אָן אַלגעמיינעם שלום, אָן אַ סוף צו דער קאַלטער מלחמה, **קאָן ניט זיין קיין שלום אין מיטל־מזרח.** און כאָטש אַנטוויקלונג אין מיטל־מזרח, ווינציגסטנס — דאָס אָפּשטעלן אַלע טראַנספּאָרטן געווער אַהין, ווי מיר האָבן פריער געזען, הענגט אפשר ניט אָפּ פון אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, איז אָבער קלאָר, אַז די דאָזיגע, אַלגעמיינע, אַנטוויקלונג קאָן במילא שאַפן די אַטמאָספערע פאַר אַנטוויקלונג אין מיטל מזרח. און דאָס וועט **באַדייטן** — זיכערקייט פאַר ישראל, אַ געלעגנהייט פאַרן פאָלק פון ישראל צו הויבן זיין לעבנס־סטאַנדאַרד, צו בויען דאָס לאַנד אויף געזינטערע יסודות.

אַ געזונטע מדינת ישראל, מיט אַ יושר'דיגער אינערלעכער און אויסלענדישער פּאָליטיק, אין פריינטשאַפט מיט די שכנים, איז אויך אין די אינטערעסן פון די אידן דאָ אין לאַנד. און אַזוי איז, פון דער אַנדערער זייט, אין די אינטערעסן פון ישראל, אַז דער אידישער ישוב דאָ אין לאַנד זאָל געבויט ווערן אויף געזונטע יסודות. דאַרף ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן **דאָ'איגקייט**, אָריענטאַציע אויף דאָ־הי, אויף אַמעריקע, אויף די היגע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן, אויף בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן, בויען די אידישע קולטור.

דער בייטראָג פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן

די קולטור און דערציאונג קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וואָס איז זונטאָג, דעם 12טן פעברואַר, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, אין סטיפען ווייז הויז, איז אין אַ באַשטימטער מאָס אַן אויסדרוק פון די איצטיגע ענדערונגען אין אידישן לעבן, אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די קאָנפערענץ האָט גערעדט וועגן „אַ שעפערישן אידישן קיום אין די פאַראייניגטע שטאַטן". עס איז גערעדט געוואָרן וועגן בויען דאָס אידישע לעבן, די אידישע קולטור — אויף דעם שטייגער ווי זיי פאַרשטייען. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן **זייער** בייטראָג צו מאַכן, — **מוזן מאַכן** זייער בייטראָג. און אָן דער אַקטיווער ראָל פון די אַרבעטער, אָן דער אַקטיווער ראָל פון טרעיד־יוניאָניסטן, וועט דאָס פעלד פון אַרבעט צווישן די פינף און אַ האַלב מיליאָן אידן איבערגעלאָזט ווערן פאַר אַנדערע און דער פּראָגרעסיווער צוגאַנג וועט ניט קאָנען קריגן זיין געהעריגן אויסדרוק.

דאַרפן מיר ווידער רופן די טרעיד יוניאָן טוער, די אַרבעטער און

פֿאָלקס־מענטשן, ווי מיר האָבן עס געטאָן ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דער ראָל פֿון טרעיד יוניאָן טוער אין אידישן לעבן, צו באַציען זיך מיט אינטערעס, **אַקטיוון** אינטערעס, צום אידישן לעבן דאָ אין לאַנד, זיין אַקטיוו אין דער געגנט וואו מען געפֿינט זיך, העלפֿן בויען די אידישע פּראָגרעסיווע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, בויען די פּראָגרעסיווע אי־דישע קולטור, — און שטאַרקן די „מאָרגן־פֿרייהייט”, דורך אַליין לייענען זי און שאַפֿן אַנדערע לייענער, ווייל דאָס איז דער **אינסטרומענט** צום בויען די אידישע פּראָגרעסיווע קולטור, די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און ווייל נאָר דורך איר קאָן מען האָבן אַ געהעריגן באַגריף וועגן דעם, וואָס אין ישראל קומט פֿאָר און וועלכע אויפֿגאַבן מ׳דאַרף זיך שטעלן.

פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן זייער אייגנעם, וויכטיגן, ביישטייער צו מאַכן אין אידישן לעבן דאָ אין לאַנד. זיי זיינען די טרעגער פֿון די פּראָ־גרעסיווע טראַדיציעס פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, די טראַדיציעס פֿון די אידן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, אין בירגער־קריג — אויף דער זייט פֿון לינקאָלנ׳ען — די טראַדיציעס פֿון די קאַמפֿן פֿאַרן אַכט־שעה׳איגן אַרבעטס־טאָג, געגן סוועט־שאַפּ. זיי, די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זיינען די טרעגער פֿון די אָנזאָגן פֿון אונזערע קלאַסיקער אויף יענער זייט ים — מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם — די טרעגער פֿון די אָנזאָגן פֿון די קלאַסיקער־דיכטער דאָ אין לאַנד — ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט, באָוור־שאָווער. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האַלטן לעבעדיג די נעמען פֿון אָלגין, זשיטלאָווסקי, מרמר, קאָברין, ראַבאָי, וויינפּער, משה כ״ץ און אַנדערע שאַפֿער פֿון דער אידישער פּראָגרעסיווער קולטור. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זוכן כסדר צו פֿאַרבינדן די קאַמפֿן פֿון די אידישע מאַסן, פֿאַר סאָציאַלן און נאַ־ציאָנאַלן יושר, צוזאַמען מיט די קאַמפֿן פֿון די נעגער־מאַסן און ברייטע מאַסן אַמעריקאַנער בכלל, פֿאַר אַ בעסער לעבן **פֿאַרן פֿאָלק**.

אָן אייגנעם, זייער וויכטיגן, ביישטייער האָבן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן צו מאַכן — ניט סתם פֿאַר אַ סעקטאָר, אַ מינדערהייט, נאָר **פֿאַרן פֿאָלק**, ניט געקוקט דערויף וואָס זיי זיינען אַ מינדערהייט! עס קאָן ניט זיין קיין באמת געזונט אידיש לעבן דאָ אין לאַנד אָן דעם אַקטיוון אָנטייל פֿון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן!

אינם איצטיגן מאָמענט פֿון איבערבראָך דאַרפֿן ערשט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן דערפֿילן זייערע אויפֿגאַבן. ס׳איז אַוודאי וויכטיג צוצוקוקן זיך אויפֿמערקזאַם צו געשיכטע, ווי זי וויקלט זיך פֿאַנאַנדער פֿאַר אונז אין די איצטיגע טעג. אָבער געשיכטע **ווערט געמאַכט**. זאָל זי געמאַכט ווערן ווי געהעריג, דורכן אַקטיוון אָנטייל פֿון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן!

„מאָרגן-פרייהייט“ קאָרעספּאָנדענטן

אין ישראל

איר האָט דאָ, אין דער בראָשור, געזען פאַקטן, וואָס מען קאָן אין אַנדערע אידישע צייטונגען ניט קריגן.

פאַרוואָס? איינע פון די סיבות איז דאָס, וואָס די „מאָרגן-פרייהייט“ האָט אין ישראל, ווי אין אַנדערע לענדער, קאָרעספּאָנדענטן פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי גיבן איבער דעם אמת, די ווירקלעכקייט!

אונזער הויפּט-קאָרעספּאָנדענט אין ישראל איז י. ליפּסקי, רעדאַקטאָר פון׳ם וואָכנבלאַט „פריי ישראל“ אין תל אביב. מיר האָבן אָבער דאָרט אויך אַ ריי זייער השוב׳ע שטענדיקע מיטאַרבעטער — פּראָפעסאָר ש. אייזענשטאַדט, שמואל מיקוניס, דר. משה סנה, פּסח בינעצקי און אַנדערע.

אין די סאָציאַליסטישע לענדער

די „מאָרגן-פרייהייט“ איז די איינציקע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס האָט שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע.

אונזער הויפּט-קאָרעספּאָנדענט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז מ. ראַבינאָוויטש. מיר האָבן אָבער אויך קאָרעספּאָנדענטן אין לענינגראַד (י. פּערצאָווסקי), קיעוו (מ. פינקעל), ווילנע (משה לערנער), ריגע (י. ראָדינאָוו), טשערנאָוויץ (ח. בלושטיין) און אַנדערע.

די „מאָרגן-פרייהייט“ איז די איינציקע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, וואָס האָט צווישן אירע אויסלענדישע מיטאַרבעטער — די סאָוועטיש-אידישע שרייבער און דיכטער: ז. ווענדראָף, אהרון ווערגעליס, אברהם גאָנטאַר, איציק קיפּניס, אברהם קאַהאַן, רחל בוימוואַל, ז. טעלעסין, אייזיק פּלאָטנער און נאָך און נאָך — און דרוקט די שאַפונגען פון דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, איזי כאַריק און אַנדערע גרונטלייגער פון דער סאָוועטיש-אידישער ליטעראַטור.

אונזערע מיטאַרבעטער אין פּוילן זיינען — הערש סמאָלאַר, בער מאַרק, דוד ספאַרד, י. קאַרמאַן, משה שקליאַר, ש. בעליס, אברהם קוואַטערקא און נאָך.

אונזערע מיטאַרבעטער אין רומעניע זיינען: י. קאַראַ (יאַסי), י. בערקאָוויטש (בוקאַרעשט).

עס פאַרשטייט זיך, אַז די „מאָרגן-פרייהייט“ האָט קאָרעספּאָנדענטן אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַרגענטינע, מעקסיקאָ און פיל אַנדערע לענדער, — קאָרעספּאָנדענטן מיט אַ ספּעציעלן, גרינטלעכן צוגאַנג צו פראַגן.

לייענט די „מאָרגן-פרייהייט“ יעדן טאָג. ספּעציעל רייכער נומער — סוף וואָך, מיט צוויי זייטן אויף ענגליש.

MORNING FREIHEIT

35 East 12 Street New York 3, N. Y.